בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת אמור -

ל״ג בעומר תשפ״ו

אידיש

# א קוואל פון חיזוק




תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדנו אדוננו בר יוחאי




# י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

♦ ♦ ♦

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

♦ ♦ ♦

## די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

כתר רזשודעיקא
5309 13 Ave.

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

כתר רזשודעיקא
801 Bedford Ave.

מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואוד**

כתר רזשודעיקא
12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג
25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

♦ ♦ ♦

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

פרשת אמור -
ל"ג בעומר תשפ"ו
גליון 30

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי׳ • ת.נ.צ.ב.ה.

אינעם גליון:

3 רבי שמעון לכל
6 שמחת הרשב"י
11 ל"ג בעומר במשנת האריז"ל
14 יומא דהילולא
17 סעודתא רבא
21 שמחה של מצוה

## רבי שמעון לכל

# "אף רבי שמעון בר יוחאי לכל"

**דער אונטערשייד צווישן דער יומא דהילולא פון רשב"י וואס איז א 'יום שמחה' און אנדערע צדיקים וואס איז א 'יום תענית'**

בעזהשי"ת, מיר גרייטן זיך צום הייליגן טאג ל"ג בעומר, דער יומא דהילולא פונעם תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

די **ספרים הקדושים** רעדן ארום איבער צוויי שאלות וועגן דעם טאג ל"ג בעומר.

**שאלה א'**: מיר ווייסן אז דער טאג וואס א צדיק גייט אוועק פון דער וועלט איז א **"יום תענית"**, ווי עס ווערט אַראָפּגעברענגט אין **שו"ע** אין **הל' תענית** (או"ח סימן תק"פ) אז **ז' אדר** איז א **יום תענית**.

וכידוע האט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע געזאגט יענעם טאָג געוואלדיגע דרושים און מספיד געווען די אלע צדיקים וואס זענען אוועק אין יענעם יאר.

מיר ווייסן אלע אז **צום גדלי'** פאַסט גאנץ כלל ישראל. דאס איז איינע פון די תעניתים וואס כלל ישראל האט מקבל געווען ווייל עס איז א טאג וואס א גרויסער צדיק איז אוועק פון דער וועלט. אויב אזוי, **פארוואס איז דער טאג וואס דער הייליגער רבי שמעון בר יוחאי איז אוועק אזא "יום שמחה"?**

עס גייט אזוי ווייט, אז דער הייליגער

**רמ"א** אין **סימן תצ"ג** שרייבט אז אינעם הייליגן טאג ל"ג בעומר איז מען **"מרבים קצת בשמחה" און מען זאגט נישט קיין 'תחנון'**.

דער **מגן אברהם** ברענגט אַראָפּ די באקאנטע מעשה, ווי רשב"י האט זיך מגלה געווען פאר דער **אר"י הק'** און געזאגט: **"ל"ג בעומר איז מיין 'יום שמחה'!"**.

דער מגן אברהם איז מיט דעם מסביר אז דאס וואס דער רמ"א פסק'נט אז מען זאגט נישט קיין תחנון און מען איז מרבה בשמחה, איז ווייל עס איז א 'יום שמחה - ווי רשב"י האט אליינ'ס געזאגט.

דארף מען טאקע פארשטיין: מצד אחד זעט מען אז א יארצייט פון א צדיק איז א יום תענית, אבער דא פסק'נט דער רמ"א אז מען זאגט נישט קיין תחנון, און ווי דער מגן אברהם מסביר ווייל רבי שמעון בר יוחאי רופט עס אָן "יום שמחתי".

**די מנהגים שונים ביי כלל ישראל אום ל"ג בעומר**

**די צווייטע שאלה איז:** מיר אלע ווייסן אז אין דעם טאג ל"ג בעומר פריידט זיך גאנץ כלל ישראל מיט'ן הילולא דרשב"י, מקטן ועד גדול. יעדער איינער האט זיין מסורה מיט די עליה לציון קיין מירון.

דער הייליגער **רבי חיים וויטאל** ברענגט פון זיין רבי'ן דער אריז"ל איבער דעם מנהג פון ארויפגיין קיין מירון - בימי האר"י:

**"ענין מנהג שנהגו ישראל ללכת ביום ל"ג בעומר על קברי רשב"י ורבי אלעזר בנו אשר קבורים בעיר מירון כנודע, ואוכלים ושותים ושמחים שם".**

דאס מיינט אז דער אריז"ל זאגט אז דאס גיין קיין מירון ל"ג בעומר איז שוין דעמאלטס געווען א "מנהג שנהגו ישראל". ער ניצט נישט סתם דאס ווארט מנהג, נאָר א "מנהג שנהגו ישראל", און ער לייגט צו אז נישט נאָר מ'גייט אויפ'ן קבר קיין מירון, נאָר מ'עסט, מ'טרינקט, און מען איז זיך משמח דארט. ד.ה. מען מאכט א סעודה לכבוד התנא.

זעען מיר אלזא אז **עס איז שוין געווען א 'מנהג קדמון' ארויפצוגיין קיין**

**מירון.**

עס זענען דא אזעלכע וואס האבן א מסורה צו מאכן א '**הדלקה**', וכידוע אז דער הייליגער **רבי דוד'ל בידערמאן** האט געזאגט דערויף הפלגות גדולות, אז **די אלע נשמות צדיקים געפינען זיך דארט בשעת די הדלקה!**.

די מעשה ווען דער אוה"ח הק' איז געווען אין מירון זענען דא וואס צייכענען צו אז דאס איז געווען ל"ג בעומר, אבער עס זענען נתגלה געווארן כתבי ידות פון זיין תלמיד **רבי ישמעאל סאנגוויניטי** (וואס איז געווען א תלמיד פון די אוה"ח הק' און שפעטער געווען אין די חבריא פונעם הייליגן **רש"ש**). ער שרייבט אין א בריוו אז דאס איז געווען גלייך ווען דער אוה"ח הק' איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אין צפת, **און גלייך נאך פורים האט דער אור החיים הקדוש געמאכט אַן עליה קיין מירון, און ער שרייבט דארט אז מען האט געמאכט א הדלקה.**

קומט אויס אז **די מסורה פון מאכן א הדלקה איז שוין א 'מנהג קדמון'** נאך פונעם אוה"ח הק' און די אוה"ח הק' אליין האט געמאכט די הדלקה, און **לאו דוקא ל"ג בעומר**, ווי מיר זעען אינעם בריוו פון רבי ישמעאל סאנגוויניטי וואס ווערט אַראָפּגעברענגט אין די **אגרות** פונעם אוה"ח הק' וואס איז שוין היינט געדרוקט במילואו (סיי אין מהדורת 'המאור' און סיי אין מהדורת 'עוז והדר'), אז דאס איז געווען צווישן פורים און פסח, און דעמאלטס האט דער הייליגער אוה"ח הק' געמאכט א הדלקה אין מירון.

עכ"פ, ס'דא וואס האבן א מסורה צו מאכן א הדלקה, און ס'דא וואס פראווען ל"ג בעומר מיט'ן צינדן ליכט



וואס דאס זענען מיר שוין לערנען בשיעורים הבעל"ט.

דער הייליגער **בני יששכר** איז מאריך אין זיין ספר מיט'ן טעם פארוואס מען מאכט א מדורה און פארוואס מען איז מרבה בצינדן ליכט. עס זענען אויך דא כמה וכמה מקומות אין כלל ישראל וואס דארט איז געווען דער מנהג צו **פראַווען א סעודה**, כמבואר בס' **שער הכוונות** שער י"ב.

ווי אויך זענען געווען פלעצער וואס אפילו אויב מען האט נישט געמאכט קיין סעודה, האט מען כאטש געמאכט א '**לחיים**', און מען האט עוסק געווען אין מאמרי רשב"י, און מיט דעם האט מען זיך משתתף געווען אין די געוואלדיגע הילולא.

דער מנהג פון לערנען מאמרי זוהר ווערט געברענגט אין **חיד"א** (מורה באצבע סי' ח' אות רכ"ג), און אזוי איז געווען די מנהג בבית מדרשו של ה**רש"ש** 'בית קל' בירושלים עיה"ק. וכידוע אין **קאַרלין** האט מען געלערנט מאמרי זוה"ק (עי' **קובץ בית אהרן וישראל** גליון פ"ב, וסידור **צלותא דאהרן** עמ' שצ"ג).

אין ספר **מאיר החיים** (חלק ב' פרק ה' עמ' רי"א) ברענגט ער בשם הרה"ק דער **אמרי חיים** פון **וויזניץ** זי"ע, אז דער הייליגער **רבי ר' ברוכ'ל** פון **מעזבוז** זי"ע **פלעגט מסיים זיין יעדעס יאר גאנץ זוהר הק' אין פלעגט טאנצען שעות ארוכות!. דערנאָך פלעגט ער קישן די הייליגע זוהר אין זיך אנגערופן: "הייליגער רבי שמעון איך קען דיר און די קענסט מיך"!!.**

אין ספר **עבודת עבודה** (פרשת בהר עמ' רכ"ד) פארציילט האדמו"ר **מטאהש** זי"ע אז **זיין זיידע פלעגט מסיים זיין 3 מאהל א יאהר זוהר הק' אין איין מאל פון זיי איז געווען אין ל"ג בעומר.**

### וואו קומט דאס אז מיר פרייען זיך מיט 'נסתר התורה'?

**און דא שטעלט זיך א מורא'דיגע שאלה:** מיר ווייסן דאך אז לגבי 'נסתר התורה' פסק'נט דער **רמ"א** אין **יו"ד** (סימן רמ"ו ס"ד) אז מען לערנט עס נאר ווען "**מלאו כריסו בש"ס ופוסקים**", און ערשט נאכדעם קען מען אריינגיין אין נסתר התורה.

אויב אזוי, וואלט זיך געפּאַסט אז ביי די יומא דהילולא פון רשב"י זאלן זיך פרייען **נאָר די אלע צדיקים**, די גדולי עולם און גדולי תורה וואס זענען עוסק אין ש"ס ופוסקים און זענען טאקע מלא כריסו בש"ס ופוסקים, און זיי לערנען פנימיות התורה א גאנץ יאר, אז ווען עס קומט דער יומא דהילולא פון ל"ג בעומר, דער יומא דהילולא דרשב"י, זאלן זיי זיין די וואס פרייען זיך!.

אבער דא זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך: **גאנץ כלל ישראל, אנשים פשוטים, וואס האבן נאך נישט זוכה געווען צו זיין מלא כריסו בש"ס ופוסקים, פרייען זיך מיט אין דעם יומא דהילולא פונקט ווי זיי וואלטן געווען א מחותן ביי די גאנצע חתונה פון רבי שמעון בר יוחאי?!.**

און ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, האט זיך רבי שמעון בר יוחאי אליינס מגלה געווען פאַרן אריז"ל,און ער האט געזאגט פאַרן אריז"ל: "**זה יום שמחתנו**" - היינט איז א טאג וואס איך וויל "**יעדער" זאל זיך פרייען מיט מיר!.**

**דארף מען טאקע פארשטיין:** ווי קומען מיר, פשוט'ע מענטשן וואס האלטן נאך אינמיטן דעם וועג צו

ווערן מלאו כריסו בש"ס ופוסקים, מיר ארבעטן נאך אויף די מידות און אויף די פשוט'ע יסודות אין עבודת השם, **ווי קומען מיר צו זיין א מחותן אין אזא יומא דהילולא?**

די מציאות הדברים איז אבער אז מען זעט ווי גאנץ כלל ישראל קאכט זיך און פרייט זיך, מען טאנצט און מען זינגט, און יעדער איינער האט זיין מסורה - דער מיט אן עליה לציון, דער מיט א סעודה, און דער מיט א הדלקה, אדער צינדן ליכט - עכ"פ, יעדער פרייט זיך.

אבער לכאורה, **מיט וואס ביסטו א מחותן?**

**לערנסטו דען פנימיות התורה א גאנץ יאר?**

**לערנסטו דען זוהר הקדוש א גאנץ יאר?**

**און אפילו אויב דו לערנסט יא זוהר, פארשטייסטו דען וואס דארט שטייט? דאס זענען דאך מכבשונו של עולם!**

**אויב אזוי, מיט וואס זענען מיר א מחותן ווען עס קומט ל"ג בעומר?**

### א זאך וואס איז מקובל ביי כלל ישראל נעמט מען אָן מיט א פשטות און תמימות

מיר וועלן דערציילן א מעשה וואס דינט אלס דער **ערשטער 'יסוד'** צו פארשטיין דעם הרגש וואס כלל ישראל האט צו די הילולא דרשב"י.

**מעשה א': הרה"ק רבי דוד'ל לובינער**, וועלכער איז געווען א תלמיד פון **רבי נחום ממקאריב** און א תלמיד פון **רבי שמואל קאַמינקער**, און די גדולי צדיקי דורו האבן אים מורא'דיג מעריך געווען. דער הייליגער **רוז'ינער** זי"ע האט אים געבעטן ער זאל ווערן א מנהיג העדה, זיין א רבי, אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט פירן.

איין טאג האט ער מחליט געווען אז ער פאָרט ארויף קיין ארץ הקודש מיט זיין חבריא, נישט בתורת 'רבי' נאר אלס א 'ראש חבורה'. ביפאָר ער איז געפארן, איז ער געגאנגען צום הייליגן **רבי אהרן טשערנאבלער**, וואס איז געווען פון די גרעסטע צדיקי הדור. רבי אהרן טשערנאבלער האט דאן געזאגט פאר רבי דוד'ל לובינער: "**ווער דען זאל נאך פאָרן קיין ארץ ישראל?**".

דער גבאי פון רבי דוד לובינער האט געגעבן א זאג פאר רבי אהרן טשערנאבלער: "**ער איז דאך אבער שוואך?**".

האט זיך רבי אהרן אנגערופן: "**איך זע דען נישט? איך זע דען נישט?**".

ווי מ'זאגט - אוודאי האט ער געזען אז ער איז שוואך. אבער דאך איז ער ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל און דארט מאריך ימים געווען.

כידוע איז ער געווען מורא'דיג נערץ ביי די צדיקי דורו. איינער פון די גרעסטע צדיקי פלאים וואס זענען געווען אין ירושלים, **רבי נפתלי חיים פון דזשיקוב**, וועלכער איז געווען אַן אפענער בעל רוח הקודש וואס די צדיקי דורו חרדו לקראתו, **פלעגט שיקן זיינע קוויטלעך צו רבי דוד לובינער קיין צפת**.

עס איז אויך באקאנט אז רבי דוד לובינער איז געווען איינער פון די רביים מובהקים פון **רבי מאטל סלאנימער**. רבי מאטל סלאנימער פלעגט דערציילן אז רבי דוד האט געוואוינט אין צפת, און ווען ער פלעגט גיין אויף קברי צדיקים, האבן די וואס זענען מיטגעגאנגען אים געפרעגט: "**ווער זאגט אז דער צדיק ליגט טאקע דא?**"

האט זיך רבי דוד אנגערופן מיט מורא'דיגע התלהבות דקדושה און אש קודש: "**א זאך וואס כלל ישראל האט א הרגש דערצו און עס איז מקובל ביי כלל ישראל, פרעגט מען נישט קיין קשיות דערויף, מען נעמט עס אָן מיט א פשיטות און א תמימות!**".

### דער שטערקסטע יסוד: כלל ישראל האט א הרגש צו ל"ג בעומר

אזא הייליגער טאג ווי ל"ג בעומר, הגם זוה"ק און פנימיות התורה באלאנגען פאר די צדיקי יסודי עולם וואס זענען מלא כריסו ש"ס ופוסקים, און ממילא שטעלט זיך די שאלה וויאזוי קום איך צו זיין א מחותן אין אזא יום ההילולא.

אויף דעם איז דער תירוץ:

**א זאך וואס איז מקובל ביי כלל ישראל פון צדיקים דורי דורות, און כלל ישראל האט א הרגש דערצו, פרעגט מען נישט קיין קשיות!**

### ל"ג בעומר - א טאג וואס דער רבוש"ע וויל אז מען זאל זיך פרייען אין דעם

די **צווייטע מעשה** וואס מיר ווילן דערציילן, האב איך געהערט מיט יארן צוריק פון הגה"צ המקובל מנקיי הדעת מירושלים, בקי בנגלה ובנסתר, **רבי אביש ציינווירטה** שליט"א, דער בעל מחבר פון **שולחן ערוך האר"י** ועוד כמה וכמה ספרים, וועלכער כידוע איז ער א מעיין המתגבר בתורה בנגלה ובנסתר.

ער האט נאכגעזאגט פונעם **טורקא רב** זצ"ל, וועלכער איז געווען א גאון בכל התורה כולה און איינער פון די גרעסטע רבנים אין אוקריינא. דער טורקא רב איז נאך געווען ביים **אלטן סאדיגורער** זי"ע, און ער איז דארט געווען ל"ג בעומר ביים טיש. האט דער טורקא רב נאכגעזאגט פונעם סאדיגורער רבי בערך אין דעם לשון:

"**סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, וויאזוי מען וועט זיך נאר דרייען, וועט נאך אלץ זיין שווער צו פארשטיין וואס דער ענין פון די הילולא איז אין דעם טאג וואס רבי שמעון בר יוחאי איז נסתלק געווארן**".

האט דער הייליגער סאדיגורער ממשיך געווען: "**נאָר וואס דען? מען מוז זאגן אז דאס איז א טאג וואס דער אייבערשטער וויל מען זאל זיך פרייען אין דעם!**".

עד כאן לשונו הקודש - בערך.

אין אנדערע ווערטער: דער טאג ל"ג בעומר איז א טאג וואס מיר פארשטייען נישט, עס האט נישט קיין הסבר, עס איז א בחינה פון 'בהדי כבשא דרחמנא'.

רבי אביש האט צוגעלייגט, אז מען זעט טאקע אין דעם לשון פון **שער הכוונות** - וואס דער מגן אברהם ברענגט אַראָפּ אין שולחן ערוך מסביר צו זיין דעם פשט אין רמ"א, אז אין דעם טאג זאגט מען נישט קיין תחנון און מען איז מרבה בשמחה - זאגט דארט דער אריז"ל אז רבי שמעון בר יוחאי האט אים געזאגט אז עס איז א "יום שמחתנו".

רבי אביש האט אבער צוגעלייגט, אז רבי שמעון בר יוחאי האט דאס נישט מסביר געווען, און דער אריז"ל ברענגט אויך נישט קיין שום הסבר אויף דעם "יום שמחתנו"; "סָתַם ולא פירש".

האט רבי אביש געזאגט, אז לויט דעם וואס מיר האבן גע'שמועס'ט פונעם אַלטן סאדיגורער פארשטייט מען עס גוט, ווייל דער פשט איז אז דאס איז א **דבר סתום**. און אפילו ווען רבי שמעון בר יוחאי האט זיך מגלה געווען פאַרן אריז"ל, האט ער נישט מסביר געווען די טעם פון די יום שמחה.

אגב, אין **שער הכוונות** איז דא א הסבר, אין די אנדערע מאמרים וועלן מיר בעזהשי"ת ארומרעדן באריכות איבער דעם.

עכ"פ, פאר אונז זעען מיר אז עס איז א דבר סתום, און רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט: "איך וויל אז כלל ישראל זאל זיך פרייען", אפילו מען ווייסט נישט דעם טעם.

בעצם, ווען עס קומט אזא הייליגער און געוואלדיגער טאג וואס איז אזא גרויסע עת רצון, און רבי שמעון בר יוחאי זאגט "יום שמחתי", און עס איז אזא התעוררות ביי כלל ישראל, קען מען זאגן אז אויב מען וואלט יא געוואוסט א הסבר, וואלט יעדער איינער אנגעהויבן האבן ספיקות אויף זיינע תפילות, ער וואלט אנגעהויבן טראכטן:

**"ווער בין איך צו זיין א מחותן מיט רבי שמעון בר יוחאי? וואס האב איך מיט אים?"**

דעריבער איז רבי שמעון בר יוחאי געקומען און אונז מגלה געווען: **"איך וויל דו זאלסט זיך פרייען אין דעם טאג, און איך זאג דיר נישט קיין הסבר!"**.

רבי שמעון בר יוחאי האט געוואלט אז כלל ישראל זאל זיך פרייען **בשלימות**, ווייל ווען מען וואלט געזאגט א סיבה, וואלט יעדער אנגעהויבן מאכן פשט'לעך:

"אפשר גיי איך נישט אריין אין דער סיבה, אפשר בין איך נישט ראוי דערצו?".

דעריבער האט רבי שמעון געזאגט: "איך זאג נישט קיין טעם". פונקט ווי דער אלטער סאדיגורער האט געזאגט, אז **דער אייבערשטער וויל מען זאל זיך פרייען אין דעם טאג**.

### 'אמונה' - דער יסוד פון א איד

מיר ווייסן דאך וואס עס שטייט פון דער **אלטע רבי פון קארלין**, דער **בית אהרן** זי"ע, שרייבט אז **'אמונה' איז דער יסוד פון א איד**. אָן אמונה פאנגט זיך גארנישט אָן, פונקט ווי קבלת התורה פאנגט זיך אָן מיט "אנכי ה' אלקיך", דאס איז די ערשטע זאך.

ווען מען גייט צו צו אזא הייליגן טאג ווי ל"ג בעומר, איז דא א געוואלדיגער געשמאק אז מען קען צוגיין זיך פרייען מיט אַן אמונה פשוטה און א תמימות, טראץ דעם וואס איך פארשטיי נישט די סיבה פארוואס איך פריי מיך.

אדרבה, אין אזא טאג וואלט איך דאך געדארפט פאַסטן ווייל רבי שמעון בר יוחאי איז אוועק, און בכלל מיט וואס האבדען א שייכות מיט 'נסתרי התורה'?

נאָר דער תירוץ איז: **איך גיי צו מיט 'אמונה פשוטה' און 'תמימות', אז דאס איז וואס רבי שמעון וויל!**

**דאס איז דער יסוד פון א איד, 'אמונה' און 'תמימות' - און דורך דעם קען זיך יעדער איד פרייען.**

בדרך אפשר קען דאס זיין דער פשט וואס דער אלטער רבי פון קארלין שרייבט אין ספר, אז "**כשם שהקדוש ברוך הוא לכל, כך רבי שמעון לכל**".

"כשם שהקדוש ברוך הוא לכל" - פונקט ווי מיר זאגן 'אני מאמין' מיט א תמימות און מיר פרעגן נישט פארוואס, אזוי אויך ווען עס קומט ל"ג בעומר, כאטש עס זענען דא שטארקע קשיות פארוואס מען פרייט זיך (עס איז א יום פטירה, א יום תענית, און וואס האב איך מיט סודות התורה), "כך רבי שמעון לכל" - רבי שמעון זאגט: **אין דעם טאג פרייט מען זיך אפילו אויב דו פארשטייסט נישט!**.

עס איז דאך דא א "**מצוה לשמוע דברי חכמים**", און רבי שמעון בר יוחאי האט אונז איבערגעלאזט א צוואה אז מען זאל זיך פרייען אין דעם טאג, און דער רמ"א פסק'נט אזוי אין שולחן ערוך, און דער מגן אברהם לערנט פשט אז די סיבה פארוואס מען זאגט נישט קיין תחנון און מען פרייט זיך איז וועגן די הילולא דרשב"י. קומט אויס אז מיר זענען מקיים די "מצוה לשמוע דברי חכמים", און בפרט ווען מיר טוען עס מיט אזא תמימות און אמונה פשוטה, וועט מען זיכער פועל'ן אלעס גוטס, אמן.

## שמחת הרשב"י

# טעם ה'שמחה' בל"ג בעומר

### גודל קדושת היום בפי הצדיקים

בעזהשי"ת.

דער געוואלדיגער צדיק וחסיד **רבי ישראל שמעון קסטלניץ**, פון די געהויבענע סלאנימער חבריא, פארציילט וואס ער האט מקבל געווען פון די זקנים אין טבריא, אז ווען דער הייליגער **כהן הגדול מקאליסק** זי"ע פלעגט זיך טובל'ן אין דעם טאג ל"ג בעומר, האט ער געזאגט "**הריני מקבל עלי קדושת היום**".

ער פארציילט איבער זיינע יונגע יארן אין טבריא של מעלה, ווי זיי האבן זיך געדרייט צווישן די ענקי ירושלים, גדולים בתורה וביראה, וועלכע **פלעגן זיך אנוואונטשן איינער דעם צווייטן "גוט יום טוב" אום ל"ג בעומר!**

### די צוויי טעמים פון דער 'שמחה' אין דעם טאג

בעזרת השם, אין די שיעורים הבעל"ט, וועלן מיר זען פון די **ספרים הקדושים** איבער די געוואלדיגע שמחה וואס הערשט אין דעם הייליגן טאג.

ווען מ'קוקט אריין אין די **פוסקים**, זעט מען בעיקר **צוויי טעמים** פארוואס דער טאג איז א 'יום שמחה'. דער הייליגער **רמ"א** אין **סימן תצ"ג** שרייבט אז אין דעם טאג **זאגט מען נישט קיין תחנון** און **מ'איז מרבה קצת בשמחה**.

אין די **מפרשים** זעט מען **צוויי מהלכים** צו מסביר זיין די ווערטער פונעם רמ"א:

**א'-** ווייל ס'איז די יומא דהילולא דרשב"י, און דער טאג פון זיין פטירה איז א יום שמחה, וויבאלד **אין דעם טאג האט ער באקומען רשות מגלה צו זיין די סודות התורה**, די הייליגע **אדרא זוטא.**

דאס איז דער מהלך פונעם **מגן אברהם**, דער **עטרת זקנים** און נאך.

**ב'-** די שיטה פון **פרי חדש** און **חיד"א**, ווייל אין דעם טאג האבן די כ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא פסקו מלמות, און לכבוד דעם מאכט מען א יום שמחה.

בעזהשי"ת, וועלן מיר אין דעם שיעור מבאר זיין די טעמים דערפון מער באריכות.

### "לשמחה מה זו עושה?"

**די ערשטע קשיא שטעלט זיך אזוי:** אויב מיר זאגן אז ס'איז דער יום הפטירה פונעם הייליגן רבי שמעון בר יוחאי, ווייסן מיר דאך אז א יארצייט פון א צדיק איז געווענליך א 'יום תענית' ווי ז' אדר, און נאך תענית צדיקים'ס וואס ווערן אראפגעברענגט אין שולחן ערוך. אויב אזוי דארף מען פארשטיין **פארוואס פונקט דא איז אדרבה א יום שמחה?**

**די צווייטע קשיא איז:** אויב מיר גייען מיט דעם מהלך אז די כ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא האבן אויפגעהערט צו שטארבן, דארף מען פארשטיין - **למעשה איז דאך יעדער תלמיד געשטארבן, אויב אזוי "לשמחה מה זו עושה"?**

דאס איז די קשיא וואס דער **פרי חדש** און אנדערע פרעגן.

### 'ימי הספירה': אבילות אויף די כ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא

כלל ישראל פראוועט אין די 'ימי הספירה' אבילות נאך די כ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא. די סיבה פונעם אבילות איז ווי די **גמרא** אין **מסכת יבמות** (דף ס"ב ע"ב) פארציילט: **"שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לרבי עקיבא"** - רבי עקיבא האט געהאט צוועלף טויזנט פארן תלמידים, **"מגבת עד אנטיפרס"** - דאס מיינט ממש פון איין עק ארץ ישראל ביזן צווייטן, פון צפון ביז דרום. **"וכולם מתו בפרק אחד"** - אלע זענען אוועק אין די זעלבע צייט, **"מפני שלא נהגו כבוד זה לזה"** - ווייל זיי האבן נישט ארויסגעוויזן גענוג כבוד איינער פארן צווייטן.

די גמרא זאגט ווייטער: **"תנא, כולם מתו מפסח ועד עצרת"** - מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, אז אלע זענען אוועק צווישן פסח און שבועות. די



גמרא פירט אויס: **"והיה העולם שמם"** - די וועלט איז געווען וויסט. זאגט **רש"י הק'**: **"שנשתכחה תורה"** - די תורה איז ליידער פארגעסן געווארן.

לאמיר דאס אביסל מסביר זיין: רבי עקיבא האט אוועקגעשטעלט פיר און צוואנציג טויזנט הייליגע תנאים, ראשי ישיבות, מורי הוראות און דיינים, און פלוצלינג האט **כלל ישראל "אלעס" פארלוירן!** ס'איז נישט געבליבן קיין איין ראש ישיבה אדער מורה הוראה, קיין איין רב, קיין איין מגיד שיעור.

און דערפאַר פראווועט כלל ישראל אבילות אויף דעם עד היום הזה אין די טעג צווישן פסח און שבועות, און מ'איז זיך מצער אויף דעם שרעקליכן חורבן וואס איז דעמאלט געשען.

די גמרא פארציילט ווייטער: **"עד שבא רבי עקיבא אצל רבותינו שבדרום ושנה להם"** - רבי עקיבא איז געגאנגען צו די הייליגע תנאים אין דרום זייט פון ארץ ישראל און געלערנט מיט פינף נייע תלמידים: **רבי מאיר בעל הנס**, **רבי יהודה בר אלעאי**, **רבי יוסי**, **רבי שמעון בר יוחאי**, און **רבי אלעזר בן שמוע**.

(ס'איז דא אנדערע גירסאות אין די גמרא; דער **אר"י הק'** אין **שער הכוונות** (דרוש י"ב) האט א גירסא אז איינער פון זיי איז געווען **רבי נחמיה** אנשטאט רבי יוסי).

אלנפאלס, מיר זעען פון די גמרא אז ס'איז געשען א שרעקליכע טראגעדיע, און דערפאר האבן די גאונים אוועקגעשטעלט אז מ'מאכט נישט קיין חתונות צווישן פסח און שבועות, און שפעטער האט מען מתקן געווען זיך נישט צו שערן און פראווען אבילות.

## די פיר שיטות אין די חשבון פון ימי הספירה; שיטה א':

כדי מיר זאלן קענען גוט פארשטיין די סוגיא, וועלן מיר מקדים זיין די פיר הויפט שיטות וויאזוי צו פראווען דעם אבילות:

די **ערשטע שיטה** איז פונעם **מהר"ל**, וואס דער אריז"ל און דער **טורי זהב** האלטן אויך אזוי, אז די אבילות גייט אָן דורכאויס די גאנצע צייט **פון פסח ביז שבועות**. די סיבה איז ווייל אין די גמרא שטייט אז זיי זענען אוועק צווישן פסח און שבועות. (דער טורי זהב ברענגט אויך א טעם צוליב די **גזירות תתנ"ו**, אבער מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין אין יענע סוגיא). לויט די שיטה איז נישטא קיין היתר נאכצולאזן פונעם אבילות אין די טעג, און אזוי פירן זיך די **בעלי מקובלים** און אזוי פירן זיך די **חסידים, תלמידי בעל שם טוב**.

## שיטה ב':

די **צווייטע שיטה**: דאס איז די שיטה פונעם **מחבר**. אין **שולחן ערוך** ווערט כמעט נישט דערמאנט די שיטה פון פראווען ביז שבועות, נאָר ס'שטייט אז מ'פראווועט אבילות **פון פסח ביז ל"ג בעומר**.

שטעלט זיך די קשיא: **אין די גמרא שטייט דאך ביז שבועות?**

אויף דעם ענטפערט דער **בית יוסף** און ברענגט פונעם ראשון **ר"י אבן שועיב**, אז זיי האבן געהאט א גירסא אין די גמרא אז זיי זענען אוועק ביז **"פרוס עצרת"**. "פרוס" מיינט **א האלב**; דאס מיינט פופצן טעג פאר שבועות. אויב מ'רעכנט פופצן טעג צוריק פון שבועות, קומט מען אויס צו ל"ג בעומר, און ממילא פאַלן אוועק פופצן טעג פון די אבילות.

די שיטה פון ר"י אבן שועיב ווערט שוין דערמאנט אין **ספר המנהיג** און **אבודרהם**, און דער **מאירי** ברענגט אויך אראפ אז ס'איז געווען א קבלה ביד הגאונים אז **זיי זענען נאָר אוועק ביז ל"ג בעומר**.

דער מחבר גייט ווי די שיטה, און זאגט אז מ'דארף נאר פראווען אבילות ביז ל"ג בעומר. אבער דער מחבר לייגט צו, אז **ל"ג בעומר אליינס פראווועט מען נאך יא אבילות**, און ערשט ל"ג בעומר צופרי נאכן דאווענען מעג מען זיך שערן און חתונה מאכן.

פארשטייט זיך, אז לויט די שיטה דארף מען נאכאלץ פארשטיין וואס איז די ספעציעלע שמחה פון ל"ג בעומר.

## שיטה ג':

דער **רמ"א** קומט מיט א **דריטע שיטה**, דאס איז די שיטה פונעם **מהרי"ל ועוד**, וואס זיי זאגן אז די תלמידי רבי עקיבא האבן אויפגעהערט צו שטארבן ל"ג בעומר. זיי זאגן אז די "פופצן טעג" איז נישט פונקטליך, מ'דארף אביסל צולייגן, און נאך אנדערע מהלכים. עכ"פ, **ל"ג בעומר האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן**.

דער רמ"א לייגט צו, אז **צוליב דעם זאגט מען נישט קיין 'תחנון' און מ'איז 'מרבה קצת בשמחה'**. קומט אויס, אז מיר האבן שוין דעם ערשטן מהלך און מיר זעען דא אינעם רמ"א אז ל"ג בעומר איז א יום שמחה, ווייל אין דעם טאג איז פסקו מלמות די תלמידי רבי עקיבא.

(אגב, אין די שיטה פונעם רמ"א זענען דא **דריי מהלכים** וויאזוי דאס אפצולערנען: די שיטה פונעם **ב"ח**, דער **גר"א ועוד** האלטן אז ערשט ל"ג בעומר אינדערפרי מעג מען זיך שערן, אבער ביינאכט טאר מען זיך נאך נישט שערן. **אנדערע פוסקים** האלטן אז מען מעג זיך שוין שערן ביינאכט, אבער מ'דארף ווארטן עטליכע שעה. א **דריטע מהלך** געפינען מיר אין **תרומת הדשן** - מובא ב**לקט יושר**, דער **אליה רבה**, דער **יעב"ץ און נאך** - ווי אויך דער **שולחן ערוך הרב** ברענגט אראפ די דריטע שיטה - וואס זיי האלטן אז מ'קען זיך שוין שערן גלייך ביים אנהייב נאכט).

## שיטה ד':

נאכדעם איז דא א **פערטע שיטה**. די פערטע שיטה ווערט אראפגעברענגט אין מחבר און רמ"א **סעיף ג'**, א **תוספות** בשם א **מדרש**, אז די **תלמידי רבי עקיבא זענען נישט געשטארבן אין די** (פופצן) **טעג וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון**.

דאס טייטש, מ'רעכנט אראפ די טעג פון חול המועד, די שבתים, די צוויי טעג ראש חודש אייר, און איין טאג ראש חודש סיון.

נאכדעם האבן זיי מתקן געווען, **אלס זכר פאר די פופצן טעג וואס די תלמידי רבי עקיבא זענען נישט געשטארבן אין די טעג וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון**, אז מ'זאל דאס האלטן פון פסח ביז ראש חודש אייר.

פארוואס פונקט די יעניגע טעג? ס'טוט זיך שוין א שמועס אין די פוסקים, ובעזרת השם עוד חזון למועד.

(יעצט, די שיטה וואס האלט אז מ'מעג זיך שערן און חתונה מאכן ביז ראש חודש אייר, אין דעם זענען אויך דא **צוויי מהלכים**: עס זענען דא וואס האלטן **פון ראש חודש אייר ביז שלשת ימי הגבלה**, און אזוי האט מען זיך געפירט אין **ווילנא**, אזוי ווי ס'ווערט אראפגעברענגט אין **משנה ברורה**; און עס זענען דא וואס האלטן אז **מ'פאנגט אָן ב' אייר און מ'גייט ביז ערב שבועות.**

די **אשכנזים** און די **ליטווישע** האבן בעיקר

אנגענומען די דאזיגע שיטה).

ע"כ תמצית פון די פיר שיטות אין שו"ע.

## די קשיא פון די ראשונים: "הלא לא נשאר מהם אף אחד?"

לאמיר יעצט צוריקגיין צו די שיטה פונעם רמ"א. מיר האבן געזאגט אז לויטן רמ"א האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן ל"ג בעומר, און דערפאר זאגט מען נישט קיין תחנון און מ'איז מרבה קצת בשמחה.

קומען די **פוסקים**, און בראשם דער הייליגער **פרי חדש**, און ער פרעגט א מורא'דיגע קשיא. מיר וועלן נאכזאגן זיין לשון:

**"ויש לדקדק, בשמחה זו למה?"** - וואס איז די גרויסע פרייד? איי, דו וועסט זאגן **"משום שפסקו מלמות"**, אז די תלמידים פון רבי עקיבא זענען "פסקו מלמות"? פרעגט דער פרי חדש: **"מה בכך?"** - וואס האב איך דערפון? **"הלא לא נשאר אחד מהם"** - עס איז דאך נישט געבליבן קיין איין תלמיד, **"וכולם מתו"** - אלע זענען געשטארבן, **"ומה טיבה של שמחה זו?"** - וואס איז די גרויסע שמחה?

עס זענען דא פוסקים וואס לייגן צו: למעשה איז געווען דעמאלטס אַן **"עולם שמם". דו פרייסט זיך אז די וועלט איז געווען וויסט?**

נאך א קשיא לייגן צו די פוסקים: מיר ווייסן אז די **משנה** אין **מסכת תענית** (ל"א.) זאגט **"לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים"**. פרעגט די **גמרא** אין תענית און אויך אין **מסכת בבא בתרא** (קכ"א.): וואס איז געווען די גרויסע שמחה חמשה עשר באב?

זאגט די גמרא, **"אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, יום שכלו בו מתי מדבר"**. דאס איז דער טאג וואס די מתי מדבר האבן אויפגעהערט צו שטארבן, און פון דארט און ווייטער זענען די איבריגע געבליבן לעבן און זענען אריין אין ארץ ישראל.

קומען די **רשב"ם** און **תוספות** (ד"ה "יום") אין מסכת בבא בתרא, און זיי אלע פרעגן די קשיא: **למעשה זענען דאך אלע געשטארבן, מאכסטו אויף דעם א יום שמחה?**

זאגט דארט תוספות בשם **רבינו תם**: מיר ווייסן אז יעדעס יאר ווען עס איז אנגעקומען תשעה באב, איז ארויס א כרוז **"צאו לחפור"** - גייט גראבט אייך קברים, און אלע מענטשן פונעם דור המדבר זענען געגאנגען און זיך אויסגעגראבן א קבר און דארט געשלאפן. צומארגנס איז ארויס א כרוז **"יבדלו החיים מן המתים"** - די לעבעדיגע זאלן זיך אפשיידן פון די טויטע, און ווער עס איז געבליבן לעבן איז צוריק אהיים.

ווען עס איז אנגעקומען דאס פערציגסטע יאר, זענען זיי אויך געגאנגען און זיך קובר געווען. צומארגנס שטייען פלוצלונג אלע אויף לעבעדיג און גייען אהיים. האבן זיי אנגעהויבן טראכטן אז אפשר האבן זיי זיך טועה געווען אינעם חשבון פונעם חודש, זענען זיי צוריקגעגאנגען אין די קברים. אזוי איז עס געגאנגען ביז חמשה עשר באב.

איינמאל עס איז אנגעקומען חמשה עשר באב און זיי האבן געזען ס'איז דא א 'מילוי הלבנה' און קיינער איז נישט געשטארבן, האבן זיי געוואוסט אז זיי האבן זיך נישט טועה געווען אינעם חשבון, און דעמאלטס האבן זיי געמאכט א 'יום טוב'.

זאגט דער ר"ת, אז הגם די גזירה איז געווען אויף פערציג יאר, האט דער אייבערשטער מוחל געווען פאר יענעם דור. אויב אזוי **פארשטיי איך אז עס איז א יום שמחה, ווייל זיי האבן געדארפט שטארבן און זענען נישט געשטארבן.**

ווידער, **דא ביי די תלמידי רבי עקיבא, זענען דאך למעשה 'אלע'ליידער געשטארבן**, ווי דער פרי חדש זאגט "לא נשתייר מהם אחד" - עס איז קיינער נישט געבליבן. אויב אזוי, דארף מען פארשטיין **וואס איז דער גרויסע 'שמחה' וואס מען מאכט אין דעם טאג?**

## דער תירוץ פון 'פרי חדש' - א לימוד און יסוד חזק אויף למעשה

קומט דער הייליגער פרי חדש און ענטפערט א תירוץ: די שמחה איז ווי מיר האבן געלערנט אין די גמרא אז **רבי עקיבא האט מעמיד געווען פינף נייע תלמידים**. זאגט דער פרי חדש, אז די שמחה איז דאס וואס די פינף תלמידים זענען געבליבן לעבן, **"ומשם"** - פון אט די פינף תלמידים - **"תצא הוראה**



**לישראל".**

בעצם שטייט נישט אינעם פרי חדש אז דאס איז געווען ל"ג בעומר. קומט אבער דער **חיד"א** אין זיין ספר **טוב עין**, ווי אויך אין זיין ספר **ברכי יוסף** און אין נאך פלעצער, און זאגט אזוי:

**"ויום ל"ג התחיל לשנות לרבי שמעון בר יוחאי ורבי מאיר ורבי יוסי"** - ער האט אנגעהויבן לערנען מיט די אלע תלמידים אין יענעם טאג, **"ולכך עושים שמחה"**.

קומט אויס אז דער חיד"א לערנט, אז אין יענעם טאג וואס זיי האבן אויפגעהערט צו שטארבן, איז רבי עקיבא געגאנגען צו דרום און אנגעהויבן לערנען מיט די נייע תלמידים, און דאס איז געווען **"ל"ג בעומר"**, און פון דארט - אין דעם טאג - **"תצא הוראה לישראל"**.

קומט אויס, אז **די גאנצע תורה וואס מיר האבן היינט איז א דאנק דעם טאג ל"ג בעומר!** אויב אזוי פארשטייען מיר שוין זייער גוט פארוואס מ'פרייט זיך אזוי שטארק אין דעם טאג.

קומט צו גיין דער הייליגער **אלטער פון קעלם**, הגה"ק **רבי שמחה זיסל** זי"ע, אין ספר **מאמרי רש"ז** (חלק א'), און ברענגט נאך פון זיין רבי'ן, דער גאון וקדוש **רבי ישראל סאלאנטער** זי"ע, אז מ'דארף זיך דא לערנען א מורא'דיגן מוסר השכל:

**אז פון בלויז פינף תלמידים האט זיך צוריק אויפגעבויט א גאנצע וועלט!!!.**

(דער זעלבער יסוד שטייט פון הייליגן **חפץ חיים** בספרו **אהבת תורה**, עי"ש).

## דער געוואלדיגער התחזקות וואס א איד דארף נעמען פון דעם טאג

איך האב געהערט מיט יארן צוריק פון הגאון הצדיק מנקיי הדעת שבירושלים, **רבי גמליאל ראבינאוויטש** שליט"א, וואס ער האט געזאגט א מורא'דיגע נקודה, מוסיף צו זיין אויף די ווערטער פון רבי ישראל סאלאנטער. ער האט ארויסגעברענגט די סיבה פארוואס כלל ישראל פרייט זיך אין אזא הייליגן טאג.

אז לכאורה דארף מען פארשטיין: **מיט וואס איז א פשוטע איד א מחותן מיט אזא הייליגן טאג?**

האט ער געזאגט, אז וויבאלד אין דעם טאג האט אונז רבי עקיבא אויסגעלערנט אז **אפילו נאך פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים וואס זענען אוועק, טאר מען זיך נישט מייאש זיין!**.

ער איז געגאנגען און גענומען די איבעריגע פינף תלמידים וואס זענען געבליבן, און פון דארט האט ער צוריק אויפגעבויט כלל ישראל. פון דעם קען א איד שעפן א מורא'דיגע התחזקות, אז **עס איז נישט קיין חילוק ווי שוואך מ'האלט, וויפיל מאל מ'האט געהאט דורכפעלער, אדער וויפיל מאל מ'האט פרובירט און עס איז נישט געגאנגען - נעם זיך נאכאמאל פון פריש!**

דעריבער, **ווען עס קומט דער טאג פון ל"ג בעומר, שפירט גאנץ כלל ישראל א געוואלדיגע שמחה, ווייל יעדער איינער שפירט די דאזיגע 'התחזקות'.**

## רשב"י איז זיך מגלה צום אר"י הק': "מען טאר נישט קלאגן ביום שמחתינו!"

יעצט לאמיר גיין צו א צווייטע מהלך.

אין סימן תצ"ג, אויף דעם וואס דער רמ"א שרייבט אז ל"ג בעומר זאגט מען נישט קיין תחנון און מען איז מרבה קצת בשמחה, ברענגט דער **מגן אברהם** - און אזוי אויך דער **עטרת זקנים** אין זיינע הגהות, דער **חיי אדם** (חלק ב' כלל קל"א), דער **כף החיים און נאך** פוסקים - **אז די סיבה פארוואס דער רמ"א זאגט אז מ'זאגט נישט קיין תחנון ל"ג בעומר איז צוליב די הילולא דרשב"י**. אזוי לערנט דער מגן אברהם אז דאס איז פשוט'ע פשט אין רמ"א.

ער ברענגט דארט די באקאנטע מעשה וואס מיר האבן שוין געברענגט



באריכות (מאמר **'חידושים מספר שער הכוונות'**), אז דער הייליגער **אר"י הק'** איז ארויפגעגאנגען ל"ג בעומר קיין מירון, און דעמאלטס איז אויך מיטגעפאָרן מיט אים זיין חבר **רבי אברהם הלוי**, וואס דער רבי אברהם הלוי פלעגט זאגן 'נחם' יעדן טאג - נישט נאָר אום תשעה באב. און אזוי אויך, ווען דער אר"י הק' איז דעמאלטס געווען אין מירון, האט רבי אברהם הלוי אויך געזאגט 'נחם' ביי מנחה.

האט זיך רבי שמעון בר יוחאי באוויזן פאַר'ן אר"י הקדוש און געפרעגט: "**למה אומר נחם ביום שמחתנו?**". דער אר"י הקדוש דערציילט דארט ווייטער וואס עס האט פאסירט נאכדעם.

עכ"פ, **מען זעט פון דא אז ל"ג בעומר איז א יום שמחה פון רבי שמעון בר יוחאי.**

### דער סטייפּלער זי"ע ווערט נתפעל פון דער 'עטרת זקנים'

מצאתי אַן אינטערעסאנטע וואונדערליכע שמועס אין ספר **ארחות רבינו** (חלק ב' דף צ"ג), וואס דער סטייפלער האט געזאגט פאר זיין תלמיד **רבי אברהם הורוויץ** - וואס איז געווען א גרויסער גאון אין בכל התורה כולה, ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם סטייפלער, און האט אראפגעשריבן ממש כל טאג וטאג פונעם סטייפלער - און אין ארחות רבינו ברענגט ער אַן אינטערעסאנטע שמועס וואס ער האט געהאט מיט אים **ט"ז אייר תשל"ה**; ער צייכנט ממש צו דעם דאטום.

ער האט גערעדט מיט'ן סטייפלער איבער דעם טעם פון די שמחה ל"ג בעומר, און ער האט געוויזן פאר זיין רבי'ן דעם עטרת זקנים און דעם מגן אברהם וואס מיר האבן פריער דערמאנט, אז זיי לערנען פשט אינעם רמ"א אז די שמחה איז צוליב דעם יומא דהילולא און יום שמחתו פונעם רשב"י. ער שרייבט דארט אז פאַרן סטייפלער איז דאס געווען א חידוש ("והיה אצל מורי ורבי חידוש").

דער סטייפלער האט אים מסביר געווען אז בפשטות איז **דער עיקר טעם פון די שמחה ווייל די תלמידי רבי עקיבא פסקו מלמות.**

למעשה שרייבט ער דארט אז דער סטייפלער האט מפלפל געווען און מסביר געווען דעם גרויסן ענין פונעם הילולא דרשב"י; ווייל לכאורה איז א יום פטירה א יום תענית. אבער ער ברענגט אַראָפּ אז דער סטייפלער האט מסביר געווען אז ביי די מקובלים איז א יום פטירה פאררעכנט ווי א יום שמחה – א גאנצע שטיקל דארט, עיין שם.

אבער יעצט ווען דער סטייפלער האט געהערט אז דאס א עטרת זקנים, האט ער אים געבעטן ער זאל אים עס ווייזן אינעווייניג, און **ער האט אים מחזיק טובה געווען פאַרן ווייזן דעם עטרת זקנים!**

### תמצית המאמר

האבן מיר געזען צוויי טעמים פארוואס מען דארף זיין בשמחה אין דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר:

**א'–** ווייל אין דעם טאג האבן די תלמידים אויפגעהערט צו שטארבן און רבי עקיבא האט פריש מסמיך געווען די פינף תלמידים.

**ב'–** וואס ווערט געברענגט פונעם מגן אברהם און אנדערע פוסקים בשם דעם אר"י הק', אז דער טאג איז א יום שמחה פון רשב"י, און ממילא דארף מען זיך פרייען.

## ל"ג בעומר במשנת האריז"ל

# חידושים נפלאים מספר 'שער הכוונות'

### די צוויי טעמים פאר דעם שמחה אום ל"ג בעומר

בעזהשי"ת, זענען מיר ממשיך מיט די טעמים פון די שמחה ביי כלל ישראל אין דעם טאג.

אין די פאריגע שיעורים האבן מיר געזען אז די **פוסקים** האבן אנגענומען אז עס זענען דא צוויי עקסטערע טעמים אויף די שמחה אום ל"ג בעומר:

**א'–** דער **פרי חדש** און **חיד"א**, ווייל די כ"ד אלף תלמידי רבי עקיבא פסקו מלמות.

**ב'–** על פי **אריז"ל**, וואס דער **מגן אברהם** און **עטרת זקנים** ברענגען, אז עס איז דער יום שמחתו פונעם רשב"י.

### דער אריז"ל אנטפּלעקט די גרויסע שמחה פון ל"ג בעומר

מיר געפינען אין ספר **שער הכוונות**, וואס דאס איז דער מקור פונעם אר"י הק' אז ל"ג בעומר איז דער יומא דהילולא דרשב"י און א יום שמחה, א 'מרגניתא טבא' - אז **בעצם שטייען ביידע טעמים שוין אינעם אר"י הק' אליין.**

נישט נאָר דאס, נאָר מיר וועלן זען ווי אין טעם איז משלים די צווייטע טעם. היות עס איז ממש אַן אוצר רב און מען דארף מדייק זיין אין די לשונות, וועלן מיר בעזרת השם אַראָפּברענגען די לשונות פונעם אריז"ל אין שער הכוונות, און מיר וועלן זען א דבר פלא וויאזוי דער אריז"ל האט איינגעשלאסן ביידע טעמים אינאיינעם.

**מיר ווילן מאכן א קורצע הקדמה:**

דער ספר שער הכוונות באהאנדלט נסתר התורה, און פארשטייט זיך אז מיר פארשטייען נישט וואס דארט

שטייט, אבער פונדעסטוועגן זענען דא געוויסע שורות וואס זענען א "דבר השווה לכל נפש", וואו מיר קענען זען ווי דער אריז"ל אנטפלעקט אונז די טעמים פון דעם שמחה אום ל"ג בעומר.

דער מקור הדברים איז אין שער הכוונות, **שער ספירת העומר - דרוש י"ב**. דארט שרייבט דער אריז"ל, אז **ביז ל"ג בעומר איז איין 'תקופה', און פון ל"ג בעומר און ווייטער איז א צווייטע 'תקופה'**. דאס הייסט, ביז ל"ג בעומר איז א תקופה פון 'גבורות' און 'ימי קטנות', און פון ל"ג בעומר און ווייטער אין די ימי הספירה הויבן זיך אן טעג פון 'רחמים', וואס דער אריז"ל רופט אָן "טעג פון גדלות".

כידוע זאגט דער **בני יששכר** אז די ניין און פערציג טעג פון ספירה זענען **"ל"ב טוב"**; ביז ל"ג בעומר זענען "ל"ב" (32) טעג, און פון ל"ג בעומר און ווייטער הויבן זיך אָן די "טוב" (17) טעג ביזן הייליגן יום טוב שבועות. אין אנדערע ווערטער: פון ל"ג בעומר און ווייטער פאַנגען זיך אן טעג פון רחמים און פון חסדים.

דער אר"י הק' איז דארטן מאריך אין נסתר התורה, אבער ווי מיר האבן גע'שמועס'ט, באלאנגט דאס פאַר די וואס זענען עוסק אין "סוד ה' ליראיו", מיר ווילן פרובירן צו לערנען די פשטות הדברים.

זאגט דער אריז"ל ווייטער: וויבאלד פון ל"ג בעומר און ווייטער פאַנגען זיך אָן טעג פון חסדים, **"לכן סמך אחר כך רבי עקיבא את חמשת תלמידיו הגדולים"**. רבי עקיבא האט דעמאלטס, אום ל"ג בעומר, מסמיך געווען זיינע פינף גרויסע תלמידים. ער זאגט אז די **פינף תלמידים** זענען מרמז אויף **פינף בחינות פון 'גדלות'**.

ער פירט אויס אז די פינף תלמידים האבן אַראָפּגעברענגט רחמים אויף דער וועלט, און זיין לשון איז: **"ואלו נתקיימו בעולם"** – די פינף תלמידים זענען געבליבן לעבן און זענען נישט אוועק פאַר דער צייט – **"והרביצו תורה ברבים"**. דאס זענען: **רבי מאיר בעל הנס**, **רבי יהודה בר אילעאי**, **רבי אלעזר בן שמוע**, **רבי שמעון בר יוחאי**, און **רבי נחמיה**.

דאס איז די גירסא פונעם אריז"ל, אבער אין אונזער גירסא אין **גמרא** (יבמות ס"ב:) איז די גירסא **רבי יוסי** נישט **רבי נחמיה**.

## סך הכל מדברי האר"י הק'

עכ"פ, זעען מיר דא אז דער אריז"ל לערנט קלאָר אז אין דעם טאג ל"ג בעומר, ווען די תלמידים האבן אויפגעהערט צו שטארבן, איז געשען א געוואלדיגער חסד אז רבי עקיבא האט מסמיך געווען די פינף גרויסע תלמידים. קומט אויס **אז דער טעם וואס שטייט אינעם פרי חדש און אינעם חיד"א** – וואס מיר האבן אַראָפּגעברענגט אין פאָריגן שיעור – **אז די שמחה איז ווייל ער האט מסמיך געווען די נייע תלמידים, שטייט אויך אינעם אריז"ל!**

רוב פוסקים נעמען אָן אז אינעם אריז"ל שטייט נאָר דער טעם פון **"יומא דהילולא דרשב"י"**, אבער אז דער טעם פון די סמיכה פון די נייע תלמידים שטייט נישט דארט. אבער **דא זעען מיר קלאָר אינעם אריז"ל אז די סיבה פאַרן יום שמחה איז טאקע ווייל אין דעם טאג האט ער מסמיך געווען די פינף נייע תלמידים.**

## רשב"י איז זיך מגלה צום אר"י הק': "מען טאר נישט קלאָגן ביום שמחתינו!"

יעצט לאמיר גיין צו א צווייטן חלק וואס דער אר"י הק' איז מבאר די יום השמחה פון ל"ג בעומר, בקשר מיט הילולא דרשב"י.

**רבי חיים וויטאל** ברענגט דארט אַראָפּ דעם מנהג פון גיין ל"ג בעומר אויפ'ן קבר פון רבי שמעון בר יוחאי, און ער שרייבט דארט אז **דער אריז"ל איז געווען דארט ל"ג בעומר מיט זיין גאנצער משפחה, און זיי האבן אָפּגעשוירן א קינד.**

דאס איז געווען פילע יארן פאַר דער אר"י הק' איז אנגעקומען קיין **צפת**. (ווייל כידוע איז דער אריז"ל אנגעקומען קיין צפת בלויז די לעצטע דריי יאר פון זיין לעבן; ביז דעמאלטס האט ער געוואוינט אין **מצרים**. דאס הייסט, ווען ער איז געווען יונג האט ער געוואוינט אין ירושלים, שפעטער איז ער געגאנגען קיין מצרים, וואו ער האט געלערנט בחברותא מיט'ן הייליגן בעל **שיטה מקובצת**, און ער איז אויך געווען א תלמיד פונעם הייליגן **רדב"ז**.

**דארט אין מצרים האט ער געהאט גילוי אליהו כמה פעמים!** און כידוע האט ער זיך דארט מתבודד געווען **דריי מאל זיבן יאר!** און געלערנט מיט א געוואלדיגע 'רציפות'. דאס טייטש, ער איז געזעסן אין א באזונדער שטיבל אָפּגעזונדערט פון מענטשן.

בעזרת השם עוד חזון למועד מבאר צו זיין די גאנצע השתלשלות און די געוואלדיגע התמדה און פרישות פונעם הייליגן אריז"ל).

דעמאלטס, ווען ער האט נאך געוואוינט אין מצרים, איז ער איינמאל געקומען מיט די גאנצע משפחה אָפּשערן זיין יונגל; דאס איז געווען אין די פריערדיגע יארן.

שפעטער, ווען ער איז שוין אנגעקומען קיין צפת - א יאר פאַר רבי חיים וויטאל האט אנגעהויבן קענען און געלערנט מיט'ן אריז"ל, (ווייל רבי חיים וויטאל האט זיך באקענט מיט'ן אריז"ל סך הכל צוואנציג חדשים פאר זיין פטירה, וואס דאס איז בערך אביסל וויניגער ווי צוויי יאר - אבער ווי מיר האבן שוין גע'שמועס'ט, איז דער אריז"ל שוין געווען אין צפת דריי יאר פאר ער איז נסתלק געווארן. ער איז אוועק אין שנת **של"ג**, און ער איז אנגעקומען קיין צפת אין יאר **ש"ל**). אין יענע צייט האט זיין תלמיד **רבי יונתן שאגיש** מעיד געווען אז עס איז געשען א מורא'דיגע מעשה.

געווען איז עס דאַן ווען דער אר"י הק' איז געקומען אָפּשערן א קינד אין מירון, איז ער מיטגעפאָרן מיט **רבי אברהם הלוי**.

דער רבי אברהם הלוי איז געווען א חבר פונעם הייליגן אריז"ל. ער איז געווען א 'ניצוץ' פון **ירמיה הנביא**, אזוי ווי דער אריז"ל איז מבאר אין **שער הגלגולים**. ער האט אויך זוכה געווען **צו זען די שכינה ביים כותל המערבי**, ווי עס ווערט געברענגט אין **קו הישר** (פרק צ"ג).

כידוע פלעגט ער יעדע נאכט ביי חצות אויפוועקן די גאנצע שטאט צפת מקונן צו זיין אויפ'ן חורבן בית המקדש, און ער פלעגט זאגן די תפילה פון "נחם" ביי יעדע שמונה עשרה - די תפילה וואס מיר זאגן תשעה באב פלעגט ער זאגן יעדן טאג.

ל"ג בעומר יענע יאר, שנת ש"ל, ווען ער איז געווען ביים ציון הרשב"י, האט רבי אברהם הלוי געדאווענט שמונה עשרה און אויך געזאגט די תפילה פון

"נחם" ווי זיין סדר איז געווען.

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט דאווענען, האט אים דער אריז"ל געזאגט אז רבי שמעון בר יוחאי האט זיך באוויזן צו אים **בהתגלות** - דאס הייסט דער אריז"ל האט געזען רבי שמעון בר יוחאי **בהקיץ** - און ער האט אים געבעטן איבערצוגעבן פאר רבי אברהם הלוי די פאלגנדע ווערטער:

**"אמור לאיש הזה אברהם הלוי, כי למה אומר נחם ביום שמחתינו?"** - פארוואס זאגט ער נחם **"ביום שמחתינו"**?.

קומט אויס אז **רבי שמעון בר יוחאי האט אליין מגלה געווען אז דער טאג איז א "יומא דהילולא"!**.

פון דא נעמט זיך דער מקור פונעם אריז"ל וואס אלע ברענגען צו - דער אריז"ל, דער מגן אברהם, און דער עטרת זקנים - אלס פשט אין רמ"א אז אום ל"ג בעומר זאגט מען נישט קיין תחנון און מען איז מרבה בשמחה צוליב דעם אריז"ל, ווייל רבי שמעון בר יוחאי האט זיך מגלה געווען פארן אריז"ל אז דאס איז זיין יום שמחה.

## תמצית ב' היסודות מדברי האריז"ל

מיר האבן אלזא געזען **צוויי יסודות** פונעם אריז"ל:

**א'-** אז אין דעם טאג האט רבי עקיבא מסמיך געווען די תלמידים, וואס דאס איז געווען דער מהלך פונעם פרי חדש און פונעם חיד"א.

**ב'-** יעצט זעען מיר דעם מהלך פונעם אריז"ל, וואס דער מגן אברהם און עטרת זקנים זאגן נאך בשמו, אז עס איז "יומא דהילולא דרשב"י", אין אנדערע ווערטער: דער יום פטירה פונעם רשב"י, וואס ווערט אנגערופן א 'הילולא'.

אבער ווי מיר האבן געשמועס'ט, אויפ'ן צווייטן טעם אז עס איז יומא דהילולא דרשב"י, האט רבי שמעון בר יוחאי טאקע מגלה געווען אז עס איז א 'יום שמחה' און א פרייליכער טאג.

אבער דאס וואס דער אריז"ל האט פריער געזאגט, אז אין דעם טאג האט ער מסמיך געווען די פינף גרויסע תלמידים, דארט האט דער אריז"ל נישט געזאגט אז עס איז א 'יום שמחה', נאָר ער האט געזאגט אז עס איז א געוואלדיגער טאג, א טאג פון רחמים, ווען די רחמים הייבן זיך אָן.

לאמיר דעריבער זען א **דריטע שטיקל אין שער הכוונות**, וואו מיר וועלן זען ווי דער אריז"ל זאגט אז די סיבה פון סמיכת חמשה תלמידים איז אויך די טעם פארוואס עס איז א יום שמחה.

## דער אריז"ל פארבינדט די ביידע טעמים פון דער שמחה אום ל"ג בעומר

רבי חיים וויטאל שרייבט ווייטער בשם זיין רבי'ן דעם אריז"ל:

**"ואספתי כל זה"** איך האב געשריבן די גאנצע ביאור דא, דאס הייסט סיי דעם טעם אז רבי עקיבא האט מסמיך געווען זיינע פינף תלמידים אין דעם טאג וואס די כ"ד אלף האבן אויפגעהערט צו שטארבן, און סיי דעם טעם וואס דער הייליגער רשב"י האט מגלה געווען פארן אריז"ל אז עס איז א יום שמחה, **"כי יש שורש במנהג הזה הנזכר"** - ווייל **די טעמים זענען דער שורש פונעם מנהג וואס כלל ישראל פירט זיך צו גיין ל"ג בעומר קיין מירון און איז מרבה במשתה ושמחה מיט סעודות**, (זעה מער איבער דעם אין מאמר 'ענין הסעודות').



דער אריז"ל שרייבט יעצט צו א מורא'דיגע וויכטיגע זאך: זאלסט נישט מיינען אז ל"ג בעומר איז א יום שמחה נאָר צוליב דער הילולא דרשב"י אלס זיין יום פטירה; זאלסט וויסן אז עס איז דא נאך א טעם: **וויבאלד רבי עקיבא האט דעמאלטס מוסמך געווען די תלמידים, און רבי שמעון בר יוחאי איז געווען איינער פון די תלמידים, איז דאס אליין אויך א סיבה פאר א 'יום שמחה'.**

לאמיר זען די לשון פונעם אריז"ל:

**"ובפרט כי רבי שמעון בר יוחאי עליו השלום היה מחמשה תלמידיו הגדולים של רבי עקיבא..."**, רבי שמעון בר יוחאי איז געווען איינער פון די פינף גרויסע תלמידים פון רבי עקיבא וואס ער האט מסמיך געווען אין יענעם טאג, **"ולכן זמן שמחתו ביום ל"ג בעומר"**, דעריבער איז זיין שמחה אין די טאג פון ל"ג בעומר, **"כפי מה שביארנו לעיל ביום ל"ג בעומר"**.

קומט אויס אז דער אריז"ל שטעלט צוזאמען די **צוויי טעמים**: ער פארבינדט דעם יום פטירה פונעם רשב"י מיט'ן פריערדיגן טעם אז אין יענעם טאג האט ער מוסמך געווען די פינף תלמידים, און ער לייגט צו אז **בפרט** דאס אז **רבי שמעון בר יוחאי איז געווען איינער פון די פינף תלמידים און אין יענעם טאג איז אויך געווען זיין יום פטירה, דארף מען זיך זיכער פרייען.**

קומט אויס מיר האבן דא געטראפן א 'מרגניתא טבא'. ווייל מפשטות הפוסקים איז משמע אז ע"פ אר"י איז דער 'יום שמחה' נאָר אלס 'הילולא דרשב"י'. אבער ווי מיר זעען יעצט, שטייט דא נאך א סיבה וועגן סמיכת חמשה תלמידים.

נאך א זאך האבן מיר געזען אין שער הכוונות, וואו ער לייגט צו אז היות רבי שמעון בר יוחאי איז געווען איינער פון די פינף תלמידים וואס ער האט מסמיך געווען, און זיין יום פטירה איז אויך געווען אין דעם טאג, מאכט דאס אז די שמחה זאל זיין אויך א גאָר גרויסן אופן.

### דער ׳משנת חסידים׳ און ׳כף החיים׳ נעמען אויך צוזאם ביידע טעמים פון אריז״ל

שמחתי על כל הון אז מיר האבן געטראפן אין נאך פלעצער וואס ברענגען ביידע טעמים בשם דעם אריז״ל.

דער ערשטער מקור איז דער ספר **משנת חסידים** (פונעם גרויסן גדול המקובלים **רבי עמנואל חי ריקי** זי״ע הי״ד, וועלכער איז כידוע גע׳הרג׳עט געווארן על קידוש השם).

אזוי אויך האבן מיר געפינען פון הייליגען **צאנזער רב** זי״ע, דער גאון ישועה לקדושו, שרייבט אין **שו״ת דברי חיים** (חלק אבן העזר סוף סימן ק״א): **"משנת חסידים, ידוע שכל דבריו הם סולת ברורה, ומה לנו אחר אריז״ל"**.

ער שרייבט ווייטער: **"ידוע שדברי המשנת חסידים הם מהאריז״ל ותלמידיו או מדברי גדולי המקובלים הראשונים בבירור בלי טעות, ולכן אין לזוז מדבריו"**.

לאמיר זען וואס דער משנת חסידים שרייבט אויף ל״ג בעומר (דאס איז אין **מסכת אייר וסיון, פרק א׳, אות ד׳** און ווייטער):

**"ביום ל״ג"**, אין דעם טאג ל״ג בעומר, **"סמך אז חמשה תלמידים אחרים"**, דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט אין דעם טאג וואס די כ״ד אלף תלמידים האבן אויפגעהערט צו שטארבן, מסמיך געווען פינף נייע תלמידים. ער שרייבט ווייטער: **"ועל ידם"**, דורך די דאזיגע פינף הייליגע תלמידים, **"ועל ידי רבי שמעון בר יוחאי שהיה אב לכולם, נתקיים העולם"**.

מיר זעען קלאָר אז דער משנת חסידים לערנט פשט אז דער אריז״ל זאגט דעם טעם פונעם פרי חדש און דעם חיד״א, אז אין דעם טאג האט רבי עקיבא מסמיך געווען די תלמידים.

דער משנת חסידים זאגט ווייטער די טעם פונעם יומא דהילולא:

**"לפיכך אין להתאבל ביום זה כלל על החורבן"**, אין דעם טאג קלאָגט מען נישט אויפן חורבן בית המקדש, אזוויי מיר האבן געזען אז רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט פאר רבי אברהם הלוי ער זאל נישט זאגן קיין "נחם", **"שלא יענש"**, כדי מען זאל נישט געשטראפט ווערן, **"אלא מצוה לשמוח שמחת רבי שמעון בר יוחאי, ואם דר בארץ ישראל ילך לשמוח על קברו"**!.

(דא שטייט אינעם משנת חסידים נאך א נקודה: **אויב מ׳וואוינט אין ארץ ישראל איז דא א מצוה ארויפצוגיין און זיין פרייליך ביי זיין קבר**).

קומט אויס אז דער משנת חסידים האט צוזאמגענומען ביידע פשטים פונעם אריז״ל, און ער האלט אז צוליב ביידע סיבות דארף מען זיך פרייען אין דעם טאג.

ב״ה, אז דאס וואס מיר האבן אפגעלערנט אין שער הכוונות שטייט קלאר אינעם משנת חסידים.

איך וויל אויך צוצייכענען נאך א מקור וואס לערנט אזוי אפ אינעם שער הכוונות - אז דער אריז״ל האלט ביידע טעמים, סיי דעם טעם פון סמיכת התלמידים ובפרט רשב״י, און סיי דעם טעם פון הילולא דרשב״י - דאס האב איך געפינען אינעם **כף החיים** (סימן תצ״ג סעיף קטן כ״ו). דארטן רעדט דער כף החיים ארום מיט א געוואלדיגע בהירות און קלארקייט, אז פונעם אריז״ל איז משמע אז דער טאג איז א יום שמחה סיי ווייל ער האט מסמיך געווען די תלמידים, סיי ווייל ער האט מסמיך געווען רבי שמעון בר יוחאי, און סיי ווייל עס איז דער יומא דהילולא.

## יומא דהילולא

# הטעם שיום פטירתו של רשב״י נקרא ׳יומא דהילולא׳

### די צדיקים פון גן עדן קומען הערן ווי רשב״י איז מגלה די ׳אדרא זוטא׳ אום ל״ג בעומר

בעזהשי״ת, וועלן מיר מבאר זיין וואו מיר טרעפן אין **זוהר הק׳** אז דער טאג ווערט אנגערופן "יומא דהילולא".

עס איז מפורש אין **אדרא זוטא** - וואס דאס איז דער חלק אין זוה״ק וואס פארמאגט אין זיך די גרעסטע סודות, וואס רשב״י האט נישט געהאט קיין רשות מגלה צו זיין **נאָר ביום פטירתו**. ער האט זיך מורא׳דיג געפרייט ווען מען האט אים געגעבן רשות פון הימל ביום פטירתו מגלה צו זיין די טיפסטע סודות. ער האט דעמאלטס מגלה געווען די אדרא זוטא, וואס איז געדרוקט אין זוהר **פרשת האזינו** (דף רצ״א ע״ב).

צום סוף פון די אדרא זוטא שטייט דארט אין זוה״ק אזוי - דאס זענען געווען די ווערטער פון רשב״י:

**"דהא חמינא דקודשא בריך הוא וכל אינון זכאי קשיא דהכא משתכחין"** - אלע צדיקים טרעפן זיך דא. דאס מיינט, אז אין דעם הייליגן טאג ל״ג בעומר, ווען רשב״י האט מגלה געווען די גרויסע סודות התורה, איז געקומען כביכול הקדוש ברוך הוא מיט די גאנצע פמליא של מעלה; אבער נישט נאָר מלאכים זענען געקומען, נאר עס זענען אויך געקומען צדיקים פון גן עדן.

דאס איז א געוואלדיגע מדרגה, און רשב״י האט זיך מורא׳דיג געפרייט אז דער רבוש״ע איז געקומען נישט נאָר מיט די פמליא של מעלה מיט מלאכים אליין, נאָר אויך מיט די צדיקים.

רשב״י זאגט ווייטער: **"כולהו מסתכמן על ידאי"** - אלע זענען מסכים

אויף די אלע סודות וואס איך האב דא מגלה געווען ביי די אדרא זוטא. און ער זאגט ווייטער: "**דהא חמינא דכולהו חדאן בהאי הילולא דילי**" - איך זע אז אלע פרייען זיך אין מיין הילולא. דאס איז די הילולא וואס קומט פאָר אויף "דער וועלט" בשעת רשב"י איז מגלה די אדרא זוטא.

ער זאגט ווייטער: "**וכולהו זמינין בההיא עלמא בהילולא דילי**" - די אלע וואס זענען זיך יעצט משתתף אין די הילולא דא אונטן ווען ער איז מגלה די אדרא זוטא, זענען אלע אנגעגרייט אז ווען רשב"י וועט נסתלק ווערן אין דעם טאג און ארויפגיין אין עולם הבא, וועלן זיי אויך קענען אריינגיין אין די מתיבתא דרקיעא פון רשב"י און זיך דארטן פרייען מיט זיין הילולא. ענדיגט צו רשב"י: "**זכאה חולקי**" - וואויל איז מיין חלק!

**רבי אבא** פארציילט דארט ווייטער, אז גלייך נאכדעם האט זיך רשב"י געגרייט אוועקצוגיין פון דער וועלט. זעען מיר קלאר אין זוה"ק, אז דער טאג ל"ג בעומר ווערט אנגערופן 'הילולא', סיי דער חלק הילולא **בעולם הזה** - די התגלות פון די אדרא זוטא, און סיי די הילולא ווען רשב"י וועט רעדן סודות התורה **בעולם הבא**.

## די געוואלדיגע נסים בשעת רשב"י איז נסתלק געווארן

יעצט וועלן מיר גיין צו נאך א שטיקל זוה"ק אין אדרא זוטא (וואס ווערט אראפגעברענגט אין **דף רצ"ו עמוד ב'**).

זאגט דער הייליגער זוה"ק, אז נאכדעם וואס רשב"י איז אוועק, איז געשען מורא'דיגער נסים. **די הייליגע בעט, די מיטה פון רשב"י** - וואס נאר די הייליגע תנאים וואס האבן זיך משתתף געווען אין די אדרא האבן זיך געמעגט מתעסק זיין דערמיט - **האט אנגעהויבן ארויפצוגיין אין די לופט ביז עס איז אנגעקומען ביז צו די מערה**. און דארט איז ארויסגעקומען א 'בת קול' בשעת די לוי', ווי מיר וועלן זען אין זוה"ק.

לאמיר זען אינעווייניג דעם לשון: "**בעד דנפק פורייא**" - נאכדעם וואס די בעט איז ארויסגעגאנגען פון הויז פון רשב"י, "**הוה אזיל באוירא**" - איז די מיטה געגאנגען אין די לופט און מלאכים האבן געטראגן די בעט.

עס שטייט פון **רבי יהודה פתיי'ה** א מורא'דיגער פשט. ער זאגט אז וויבאלד מיר ווייסן אז רשב"י איז געווען א 'ניצוץ' פון **משה רבינו**, ממילא פונקט ווי ביי משה רבינו שטייט אין די תורה "**לא ידע איש את קבורתו**", און קיינער האט אים נישט קובר געווען נאָר כביכול דער רבוש"ע אליין, די זעלבע זאך איז דא אויך געווען - **קיינער האט זיך נישט מתעסק געווען מיט די קבורה פון רבי שמעון, עס איז געווען מן שמיא!**

פארציילט דער זוה"ק ווייטער: "**ואשא הוה אזלא קמיה**" - עס איז געגאנגען א פייער, אַן 'עמודא דנהורא', פאָרנט פון דער הייליגער בעט פון רשב"י. דערנאך האבן אלע געהערט א 'בת קול' וואס איז ארויס און געזאגט: "**עולו ואתו ואתכנשו**" - אלע זאלן ארויפגיין, קומען און זיך צוזאמנעמען "**להילולא דרבי שמעון**", צו די געוואלדיגע 'חופה' און צו די געוואלדיגע 'שמחת החתונה' פון רבי שמעון. די מלאכים האבן דעמאלטס אויסגערופן: "**יבוא שלום ינוחו על משכבותם**".

## די זוה"ק פארציילט 'שבחים' אויף רבי שמעון

פארציילט דער זוה"ק ווייטער, אז ווען די הייליגע בעט, וואס איז געפירט געווארן דורך די מלאכים, איז אריין אין די מערה פון רבי שמעון, האבן זיי נאכאמאל געהערט א בת קול אין די מערה: "**זה האיש מרעיש הארץ, מרגיז ממלכות**". דער הייליגער רבי שמעון וואס די ערד ציטערט פאר אים, דער הייליגער רבי שמעון וואס איז "מרגיז ממלכות". זאגט רבי יהודה פתייה מיט נאך אנדערע מפרשים, אז רשב"י איז מבטל גזירות המלכיות, דאס מיינט "מרגיז ממלכות" - **די קעניגן אין יענע צייטן זענען געווארן פארציטערט**



**ווייל זיי מאכן גזירות און רשב"י איז עס מבטל!**

זאגט ווייטער דער זוה"ק: "**כמה פטרין ברקיע משתככין ביומא דין בגינך**", אין אזא טאג ווערן פילע פתחי פה פון מקטרגים שטיל לכבוד די הילולא פונעם הייליגן רבי שמעון.

דער זוה"ק זאגט ווייטער: "**דא הוא רשב"י, דמאריה משתבח ביה בכל יומא**", דאס איז דער הייליגער רשב"י וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אים יעדן טאג!. דאס טייטש, **כביכול דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אים פאר די גאנצע פמליא של מעלה און רופט אויס דעם נאמען פון רשב"י 'יעדן טאג'!**.

"**זכאה חלקיה לעילא ותתא**", דאס מיינט סיי אין גן עדן העליון און סיי אין גן עדן התחתון, סיי בעולם הבא און סיי בעולם הזה. "**כמה גניזין עלאין מתמרן ליה**", געוואלדיגע אוצרות זענען אנגעגרייט פאר אים. "**עליה אתמר**", אויף דעם הייליגן רשב"י איז געזאגט געווארן דער פסוק: "**ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין**".

ביז אהער איז די אדרא קדישא זוטא.

עס שטייט דא קלאר אין זוה"ק אז עס איז ארויס א 'בת קול': "**עולו ואתכנשו להילולא דרשב"י**". זעען מיר דא נאכאמאל אז דער טאג פון ל"ג בעומר ווערט אָנגערופן 'הילולא'.

## די בת קול'ס גייען ארויס "יעדעס יאָר"!

דער גרויסער מקובל **רבי אשר זעליג מרגליות** זצ"ל האט געשריבן א געוואלד מיט ספרים איבער די ענינים פון ל"ג בעומר: **כחו דרשב"י, הילולא דרשב"י, מדות הרשב"י, שבחי דרשב"י**, ועוד ועוד. אין די ספרים האט ער הסכמות פון אלע גדולי הדור.

(בדרך אגב, אין איינע פון די הסכמות איז דא א בריוו פונעם הייליגן **חזון איש** זי"ע, וואו דער חזון איש שרייבט זיך אונטער צום בריוו פאר רבי אשר זעליג מרגליות און **ער איז זיך מזכיר זיין נאמען אינאיינעם מיט זיין מאמע'ס נאמען פאר א ברכה!**.

עס איז באקאנט אז עס איז געווען זייער זעלטן אז דער חזון איש זאל זיך לאזן מזכיר זיין מיט זיין מאמע'ס נאמען; פון דעם אליין פארשטייט מען די גרויסקייט און קדושה פון רבי אשר זעליג מרגליות).

ער שרייבט דארט אין איינער פון די **הקדמות** פון זיינע ספרים, אז דאס וואס שטייט אין זוה"ק אז עס איז ארויס א 'בת קול' פון "**כמה פטרין ברקיע משתככין ביומא דין בגינך**" - אז אין דעם טאג ווערן זייער פיל מקטרגים פארשוויגן בזכות רשב"י - **דער בת קול גייט ארויס "יעדען יאָר"!**.

רבי אשר זעליג איז דאס מדייק פונעם זוה"ק, ווייל דער זוהר זאגט "**ביומא דין**", אין דעם טאג, דאס טייטש אז **דער טאג אליין איז א מסוגל'דיגער טאג פאַר המתקת הדינים**.

נאך א זאך שרייבט ער דארט אין די הקדמות, אז **דער 'בת קול' וואס רופט אויס "עולו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון", גייט אויך ארויס "יעדעס יאָר"!**. - פארשטייט זיך אז נישט יעדער איינער הערט עס... ער ברענגט ראיות פאר זיין מהלך פונעם ספר **שער הכוונות**.

עכ"פ, האבן מיר יעצט געזען אינעם זוה"ק אז דער טאג פון דער פטירה פון רשב"י ווערט אנגערופן "הילולא".

## נאך א מקור פון זוה"ק פון "יומא דהילולא"

עס איז דא נאך א פלאץ אין זוה"ק וואו דער טאג פון דער פטירה פון רשב"י ווערט אנגערופן "יומא דהילולא", דאס איז אין זוהר **פרשת ויחי** (דף ר"ז עמוד ב').

דער זוה"ק דערציילט דארט אז דער הייליגער תנא **רבי יצחק** (-וואס ליגט טאקע דארט אין די מערה אין מירון, און ווען מען קומט היינט אריין אין די מערה איז זיין ארט צוגעצייכנט), איז איין טאג געווען נעבן דעם הייליגן **רבי יהודה בר אילעאי**. רבי יהודה האט געזען אז רבי יצחק איז מורא'דיג צוגעליגט און אים געפרעגט: "וואס גייט פאָר?"

האט ער אים געזאגט אז ער וויל אים איבערלאזן א 'צוואה', וואס באשטייט פון **דריי זאכן**.

**די ערשטע זאך: "איך בעט דיך זאלסט נאכזאגן דברי תורה אין מיין נאמען, כדי עס זאל זיין 'שפתותי דובבות בקבר'"**.

(אגב, דא זעט מען ווי ווייט די צדיקים האבן הנאה ווען מען חזר'ט זייערע תורות. און יעצט ווען מיר לערנען דעם זוה"ק, האבן דער הייליגער רשב"י, זיין זון רבי אלעזר מיט די גאנצע חבריא און אלע צדיקים וואס ווערן דערמאנט, א מורא'דיגע הנאה).

**די צווייטע זאך** וואס ער האט מצווה געווען איז איבער זיין יונגן זון **יוסף**, ער האט געבעטן **מען זאל אים מחנך זיין אין דער תורה הקדושה**.

**די דריטע זאך**, ער האט געבעטן אז **מען זאל גיין צו זיין קבר אלע שבעת ימי אבלות און דארט דאווענען אז ער זאל אנקומען צו זיין מקום מנוחה**. דאס הייסט אז דער הייליגער רבי יצחק האט געוואלט אז רבי יהודה זאל דאווענען פאַר אים.

(אגב, פון דא זעט מען אז עס איז דא אַן ענין צו גיין דוקא אויף א קבר פון א צדיק; ווייל לכאורה, פארוואס איז נישט געווען גענוג אז רבי יהודה בר אילעאי דאווענט פאר רבי יצחק אין זיין היים? פארוואס דארף ער גיין צום קבר? זעט מען אז **עס איז דא א ספעציעלע מעלה צו זיין ממש ביים קבר**).

רבי יהודה בר אילעאי האט געפרעגט רבי יצחק: "**פון וואו ווייסטו אז דו גייסט אוועק פון די וועלט, אז דו זאגסט שוין א צוואה?**"

דער זוה"ק איז דארט מאריך אז ער האט אים דערציילט וואס ער האט געזען ביי אַן עליית נשמה ביינאכט, אז זיינע חלומות זענען שוין נישט אזוי ווי אמאל. ער האט אויך געקוקט אויף זיין שאָטן און נאך טיפע ענינים פון כבשי דרחמנא, סודות התורה, און אזוי ארום האט ער געוואוסט אז ער גייט נסתלק ווערן.

דער זוה"ק דערציילט ווייטער אז זיי זענען דערנאך געגאנגען צום הייליגן רבי שמעון לערנען סודות התורה. רשב"י האט געזען אז דער מלאך המוות געפינט זיך דארט. זאגט דער זוהר: רבי שמעון האט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעכאפט רבי יצחק און ארויסגעגעבן א גזירה: "**איך בין גוזר, מאן דרגיל למעייל יעול** (ווער עס איז געוואוינט אריינצוקומען, זאל אריינקומען), **ומאן דלאו רגיל למעייל לא יעול** (און ווער עס איז נישט געוואוינט, זאל נישט אריינקומען)".

פארשטייט זיך אז דער ס"מ האט נישט געטאָרט אריינקומען. רבי יצחק און רבי יהודה זענען אריין, און דער זוה"ק דערציילט: "**קטיר מלאך המוות**

**לבר"** - רשב"י האט פארבינדן דעם מלאך המוות אינדרויסן!.

דער זוה"ק איז דארט מאריך וויאזוי רשב"י האט אויסגעבעטן אז רבי יצחק זאל בלייבן לעבן. פארציילט דער זוה"ק ווייטער:

רבי יצחק האט איינגעדרימלט בשעת רבי שמעון האט מתפלל געווען פאר אים, און ער האט געזען זיין טאטע אין חלום. זיין טאטע האט אים געזאגט: **"וואויל איז דיין חלק אין די חבורה פונעם הייליגן רשב"י"**.

האט רבי יצחק געפרעגט זיין טאטע וואס עס גייט מיט אים, האט ער אים געענטפערט אז מען האט אים אויסגעבעטן דאס לעבן.

האט דער זון געפרעגט: "טאטע, וויפיל יארן האב איך נאך צו לעבן?" האט אים דער טאטע געענטפערט אז "ער האט נישט קיין רשות דאס צו זאגן. אבער, איין זאך וויל איך דיר אנטפלעקן".

דער לשון פונעם זוה"ק איז ווי פאלגענד: **"אבל בהילולא רבא דרבי שמעון** (ביי די גרויסע הילולא פון רבי שמעון), **תהא מסדר פתורך** (וועט דיין טיש זיין אנגעגרייט)". אין אנדערע ווערטער: דעמאלטס וועסטו אויך אוועקגיין פון דער וועלט.

**"כמו דאמר"**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: **"צאנה וראנה בנות ציון במלך שלמה, בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתנתו וביום שמחת לבו"**.

זאגט דער הייליגער **רמ"ק**, אז **דעם טאג וואס דער צדיק גייט ארויף אויף יענער וועלט, גייט די גאנצע פמליא של מעלה מקבל פנים זיין דעם צדיק פונקט ווי ביי א 'יום החתונה'!**.

זעט מען דא קלאָר פון זוה"ק אז דער יום פטירה דרשב"י איז א "יומא דהילולא", אזוי ווי דער פסוק זאגט: **"ביום חתנתו וביום שמחת לבו"!**.

## סיום המאמר

עס זענען דא נאך פלעצער אין זוה"ק וואו מען זעט דאס, אבער עכ"פ זעט מען קלאר אז דער טאג פון די פטירה פון רשב"י ווערט אנגערופן א "יומא דהילולא".

פארשטייט זיך, נאכדעם וואס מיר זעען די ווערטער, איז ממילא אפילו אויב מען וועט פרעגן קשיות, וועט מען ענטפערן "בהדי כבשא דרחמנא". עס איז טאקע שווער צו פארשטיין: פארוואס ווערט דער יום פטירתו פון רשב"י אנגערופן א יום הילולא?

אבער למעשה, וויבאלד מיר זעען דא אין זוה"ק אז רשב"י האלט אין איין זאגן אז יום פטירתו איז א יום הילולא, איז דאָס העכער פונעם מענטשליכן שכל, "כבשי דרחמנא", און **מיר דאַרפן עס נאר מקבל זיין מיט א תמימות.** מיר גייען האבן אמונה פשוטה אין דברי חכמים, אז רשב"י אליין זאגט אז זיין יום הפטירה איז א יום שמחה, הגם מיר קענען עס נישט פארשטיין.

למעשה טרעפן מיר אז די צדיקים און די גדולי הדורות האבן אונז יא מגלה געווען גאר געוואלדיגע און נפלא'דיגע סודות פארוואס די פטירה פון רשב"י ווערט אנגערופן א יום הילולא, משא"כ די פטירה פון אנדערע צדיקים וואס איז א יום תענית.

בעזרת השם, אין די שיעורים הבעל"ט וועלן מיר דאס דורכטון.

# סעודתא רבא

# ענין הסעודה בל"ג בעומר

## הקדמה

בעזהשי"ת.

דער הייליגער **בני יששכר** ברענגט אין **די מאמרי חודש אייר** (מאמר ג', מאמר ל"ג בעומר), און אזוי אויך שטייט פון זיין אייניקל דער הייליגער **צבי לצדיק**, א מורא'דיגן ביאור אין דער ענין פון דער **שמחה אום ל"ג בעומר**, וואס דאס וועט אונז פארענטפערן אסאך קשיות. זייערע יסודות געבן א געוואלדיגע ליכטיגקייט אויפ'ן הייליגן טאג, און בעזרת השם וועלן מיר דאס מרחיב זיין.

## די שאלות פון די פוסקים

**שאלה א':** פארוואס מאכט מען דעם **"יום הפטירה"** פאַר א **"יומא דהילולא"**?

**שאלה ב':** נאך פרעגן די **מפרשים**, אינעם **רמ"ק** שטייט אז די פטירה פון א צדיק הייסט א **"יומא דהילולא"** ווייל עס איז דא א געוואלדיגע שמחה אויבן אין הימל, בבחינת **"חתן היוצא לקראת כלה"**.

אויב אזוי שטעלט זיך די שאלה, **פארוואס דווקא ביי רבי שמעון בר יוחאי פראוועט מען עס אלס א יומא דהילולא מיט שמחה, בשעת ביי אלע אנדערע צדיקים – כאטש עס הייסט אויך א יומא דהילולא – פאסט מען למעשה און מען פראוועט נישט קיין יום שמחה?**

**שאלה ג':** פארוואס זענען דא מנהגים אין דעם טאג צו מאכן **מדורות של אש אדער מרבה זיין בנרות?**

עס איז דאך באקאנט אז דער הייליגער **אוה"ח הק'**, איז געגאנגען קיין מירון - ווי עס ווערט געדרוקט אין די בריוו פון **רבי שמואל סנגויניטי**, וואס איז געווען א תלמיד פונעם אוה"ח הק' און שפעטער א תלמיד פונעם רש"ש, ער ליגט אין הר הזיתים און איז געווען א גרויסער גאון וקדוש און א מקובל אלוקי, ער האט פאַרשריבן די גאנצע



מסעות פונעם הייליגן אוה"ח הק', און ער שרייבט דארט פונקטליך אז **ווען דער אוה"ח הק' איז געווען אין מירון, האט ער אריינגעווארפן דארט בגדים אין די מדורה**.

דארף מען פארשטיין, וואס איז דער ענין פון מאכן א מדורה דוקא לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי?.

די זעלבע זאך ווייסט מען ביי די הייליגע לעלוב'ער רבי'ס: **רבי דוד'ל בידערמאן** (וואס מען האט גערופן "דער רבי פון ירושלים") און זיין טאטע **רבי שמעון נתן**, וואס איז געווען אין א מורא'דיגער ידידות מיט'ן הייליגן **שינאווער רב** - זיי האבן געהאט א מנהג אז **ווען זיי זענען ארויף ל"ג בעומר, האבן זיי אריינגעווארפן 'בגדים' אין די פייער**.

כידוע דער הייליגער **חתם סופר** אין זיינע **תשובות** און נאך אנדערע **פוסקים** זענען דַן אין דעם ענין, למעשה איז דאס אבער געווען די מסורה ביי אסאך צדיקים, און מיר ווען יעצט נישט אריינגיין אין יענעם שמועס.

עכ"פ, פרעגט דער הייליגער בני יששכר: **וואס איז דער ביאור דערפון?**

נאך א קשיא פרעגט דער בני יששכר: עס איז דאך א מנהג אין כלל ישראל אז אין דעם טאג איז מען **'מרבה בנרות'**, מען צינדט אָן פילע לעכט לכבוד התנא האלוקי. **וואס איז דער ענין דערפון?**

## דער מצב פון דער וועלט בשעת פטירתו של משה ובשעת פטירתו של רשב"י

דער הייליגער בני יששכר שטעלט אוועק א געוואלדיגן יסוד. קודם כל איז ער מחדש אז אין דעם טאג, דעם יום הפטירה פונעם הייליגן רבי שמעון בר יוחאי, איז **רבי שמעון אויך געבוירן געווארן**.

אבער אויף דעם פרעגן שוין די מפרשים אז דאס אליין איז נאך נישט קיין סיבה צו פראווען א יום שמחה, ווייל מיר ווייסן דאך אז **ז' אדר**, דער טאג וואס **משה רבינו** איז אוועק, איז ער אויך געבוירן געווארן, און **פארוואס איז ז' אדר א טאג פון א תענית, בשעת ל"ג בעומר – וואס איז סיי די פטירה און סיי די לידה פון רבי שמעון בר יוחאי – איז א יום שמחה וואס מען איז מרבה בשמחה?**

קומען דער הייליגער בני יששכר און דער צבי לצדיק און זאגן א מורא'דיגן יסוד. און מיר ווען אביסל מרחיב זיין זייערע ווערטער:

ווען משה רבינו איז אוועק, איז די תורה הקדושה נאך נישט געווען געשריבן אלס תורה שבעל פה, מען האט דעמאלטס נישט געהאט קיין רשות עס אַראָפּצושרייבן.

קומט אויס אז עס איז געווען א געוואלדיגער יום צער אין יענעם טאג וואס משה רבינו איז אוועק, ווייל אויסער דעם וואס מיר האבן פארלוירן משה רבינו זעלבסט, **האבן מיר פארלוירן די בחינה פון זיין איבערגעבן די תורה שבעל פה**. און וויבאלד מען האט עס נישט געקענט אַראָפּשרייבן, פארשטייט זיך, האבן אסאך אידן מורא געהאט וויאזוי מען וועט קענען אלעס געדענקען.

בפרט, אין די **גמרא** שטייט טאקע אז אין די דרייסיג טעג פון די אבילות נאך משה רבינו, האט כלל ישראל פארגעסן דריי הונדערט הלכות, ביז **עתניאל בן קנז** איז געקומען און עס מחזיר געווען מיט זיין פלפול. **עכ"פ זעען מיר אז דער טאג וואס משה רבינו איז אוועק איז געווען א צייט פון א געוואלדיגער שכחת התורה, בפרט אז מען האט נישט געקענט אַראָפּשרייבן די תורה שבעל פה**.

נאך א זאך: מיר ווייסן אז רבי שמעון בר יוחאי שרייבט אין עטליכע פלעצער אין זוהר הק', בפרט ביי די אדרא רבא און אדרא זוטא, אז **ביז היינט האט מען נישט געקענט מגלה זיין די סודות התורה, אבער יעצט קען מען שוין אנפאנגען זיי מגלה צו זיין**. ביי די אדרא רבא האט רבי שמעון בר יוחאי מגלה געווען א גרויסן חלק פון די נסתרי התורה, און ביי די אדרא זוטא האט ער מגלה געווען די טיפסטע סודות הקבלה וואס זיין גאנץ לעבן האט ער

נישט געהאט קיין רשות דאס צו מגלה זיין. ווי אויך האט מען אים געגעבן רשות פון הימל אז **רבי אבא** זאל עס פארשרייבן.

### דער שמחה פון ל"ג בעומר: א טאג פון 'השלמת מתן תורה'

אויב מען וועט אריינקוקן אינעם זוהר הק' אין די **אדרא זוטא** - סיי אין די הקדמה און סיי ביים סוף - שרייבט רבי שמעון בר יוחאי אז **די שכינה הקדושה פרייט זיך, און יעדער איינער פרייט זיך ווען ער איז מגלה די סודות התורה.** רבי שמעון שרייבט דארט אז **ער אליין פרייט זיך אויך וואס מען האט אים געגעבן רשות מגלה צו זיין די סתרי תורה!**

קומט אויס, אז ז' אדר ווען משה רבינו איז אוועק, איז למעשה נאכנישט געגעבן געווארן די רשות צו מפרסם זיין די סתרי תורה, משא"כ ביי רבי שמעון בר יוחאי, **בפרט אין דעם טאג פון זיין פטירה,** האט מען פון הימל געגעבן רשות צו מגלה זיין סתרי תורה.

**נאך א נקודה:** מען האט אפילו געגעבן רשות פאר רשב"י אז רבי אבא זאל עס אראָפּשרייבן. מיר ווייסן דאך דעם כלל אז "דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב", ובפרט ביי סתרי תורה. דאך האט מען אין דעם טאג געגעבן רשות סיי עס מגלה צו זיין און סיי עס אַראָפּצושרייבן.

קומט אויס אז עס איז א געוואלדיגער יום שמחה, ווייל עס איז א "יום מתן תורה". פונקט ווי אונז ווייסן מיר אז **שבועות** איז א יום טוב ווייל עס איז **יום שניתנה בו תורה,** אזוי אויך איז **ל"ג בעומר א טאג וואס די תורה איז געגעבן געווארן.** פארוואס?

ווייל שבועות האט מען טאקע געגעבן די נגלות התורה מיט די נסתר התורה, אבער מען האט נאכנישט געהאט קיין רשות מגלה צו זיין די נסתר. ווידער, **ל"ג בעומר, ביום פטירתו פון רשב"י, איז געווען א השלמה פונעם יום מתן תורה!** די השלמה פון די יו"ט שבועות איז געווען ביום פטירה פון רשב"י, ווייל יעצט האט מען שוין געקענט מגלה זיין די סתרי תורה.



**קומט אויס אז ל"ג בעומר זענען דא 'צוויי זאכן' וואס זענען א השלמה צו יו"ט שבועות:**

**א.** שבועות איז געגעבן געווארן נגלה ונסתר אבער אָן א רשות עס צו מפרסם זיין, און ל"ג בעומר האט מען באקומען דעם היתר עס מפרסם צו זיין.

**ב.** שבועות האט מען נאכנישט געקענט שרייבן די תורה שבעל פה, און ל"ג בעומר האט מען געגעבן דעם היתר צו שרייבן די נסתר התורה וואס איז תורה שבעל פה.

**דאס מאכט דעם טאג ל"ג בעומר עס פאר א געוואלדיגן 'יום שמחה' פון 'מתן תורה'.**

### דער צבי לצדיק איז מחדש: ל"ג בעומר איז נתחדש געווארן דער ענין פון מתן תורה אויך אויף 'נגלות התורה'

קומט צו גיין זיין אייניקל, דער הייליגער צבי לצדיק, און לייגט צו א מורא'דיגן געדאנק: ער זאגט אז **רבינו הקדוש** וואס האט געשריבן די **ששה סדרי משנה,** און שפעטער **רבינא ורב אשי** וואס האבן געשריבן דעם **בבלי,** און **רבי יוחנן** וואס האט געשריבן דעם **ירושלמי** - אויף וואס האבן זיי געבויט זייער 'יסוד' פון "עת לעשות לה' הפרו תורתך" אז מען מעג אַראָפּשרייבן די תורה שבעל פה?

זאגט דער צבי לצדיק, אז **זיי האבן דאס געלערנט פון יום פטירתו פון רבי שמעון בר יוחאי.**

זיי האבן געזאגט אזוי: אויב די 'סתרי תורה', וואס זענען אזעלכע געהיימע און פארבארגענע זאכן, האט מען מתיר געווען צו שרייבן אין דעם טאג, דעמאלטס אוודאי און אוודאי מעג מען שרייבן די 'נגלות התורה', וואס יעדער איד **דאַרף לערנען** און אָן דעם וואלט נשתכחה תורה חלילה איז אוודאי און אוודאי מעג מען דאס שרייבן.

זאגט דער צבי לצדיק, קומט אויס לפי זה, אז **ל"ג בעומר איז ממש נתחדש געווארן דער ענין פון מתן תורה אפילו אויף נגלות התורה!** ווייל אין דעם טאג האט רבינו הקדוש, דער הייליגער רבי יוחנן וואס האט געמאכט די ירושלמי, רבינא ורב אשי וואס האבן די תנאים ואמוראים זיך אפגעלערנט אז מען מעג שרייבן דברים שבעל פה.

### דער טעם פארוואס מען מאכט א 'מדורה של אש'

לויט דעם פארשטייט מען שוין דער טעם **פארוואס אין אזא הייליגע טאג מאכט מען א 'מדורה של אש'.**

וויבאלד מיר ווייסן דאך אז ביי 'מתן תורה' שטייט **"ודבריו שמעת מתוך האש", "ההר בוער באש",** גאַנץ מתן תורה איז געווען א מצב פון 'אש'. ממילא, אזוי ווי דער טאג איז א השלמה

פון שבועות און א יום מתן תורה אויף נסתר התורה און אויף כתיבת תורה שבעל פה, **דארף זיין א מצב פון שבועות, און מען מאכט א 'פייער' צו דערמאנען דאס 'פייער' פון 'מתן תורה'!**

## אין דעם טאג זענען נתגלה געווארן די גרעסטע סודות התורה דורך 'אש'

מיר געפינען אז ווען רבי שמעון בר יוחאי האט געלערנט מיט די תלמידים, איז עס געווען ממש ווי 'מעמד הר סיני' און עס פלעגט אַראָפּקומען א פייער. בפרט ווען מען האט געלערנט די אדרא זוטא אין דעם טאג פון זיין פטירה, ווען אסאך תלמידי חכמים האבן געוואלט אריינקומען צו אים אין שטוב, אבער רשב"י האט נאָר געוואלט אז די הייליגע חבריא פון די אדרא רבא זאלן אריינקומען.

דעמאלטס איז אַראָפּגעקומען א פייער וואס האט ארומגענומען דאס הויז, און נאָר די ספעציעלע תלמידים האבן געקענט אריינקומען, און דעמאלטס האט ער מגלה געווען די אדרא זוטא. קומט אויס, אז **דווקא אין דעם טאג וואס ער האט מגלה געווען די גרעסטע סודות מיט א מצב פון 'אש' פונקט ווי 'מתן תורה', מאכט מען א 'פייער' - 'ביי זיין ציון'!** כדי צו דערמאָנען אז עס איז א טאג פונקט ווי ביי 'קבלת התורה' וואס איז געווען א מצב פון "ההר בוער באש", "ודבריו שמעת מתוך האש".

(אגב, עס איז כדאי צו באמערקן אז דער ענין פון צינדן א מדורה ביי רשב"י איז נישט נאָר ל"ג בעומר דוקא, נאָר **א גאנץ יאר**. **רבי שמואל סנגויניטי**, א תלמיד פונעם **אוה"ח הק'**, דערציילט - אין דעם בריוו וואס מיר האבן געברענגט אנהייב דעם מאמר - אז די באקאנטע נסיעה פונעם אוה"ח הק' קיין מירון איז געווען **צווישן פורים און פסח**. ואכהמ"ל).

## דער ענין פון 'מרבה זיין בנירות' אין דעם טאג; 'סעודת ל"ג בעומר' 'סעודת מצוה' הוא

יעצט וועלן מיר רעדן איבערן ענין פון **צינדן לעכט**.

דער בני יששכר זאגט, אז דער טעם פארוואס מען צינדט אסאך לעכט איז פשוט: **רבי שמעון בר יוחאי** - וואס האט אין דעם טאג מגלה געווען די גרעסטע סודות וואס איז געווען די השלמה פון מתן תורה - ווערט אינעם זוהר הק' כסדר אנגערופן '**בוצינא קדישא**' אדער '**בוצינא דנהורא**' - דאס הייליגע ליכט וואס האט באַלויכטן די וועלט. און ווי מיר האבן געְשמועס'ט, האט ער באלויכטן די וועלט סיי מיט נסתר און סיי מיט נגלה, **דערפאַר זענען מיר מרבה מיט לעכט אין דעם טאג**.

און פארשטייט זיך, יעצט פארשטייט מען פארוואס אין דעם טאג איז מען **מרבה ב'סעודה'**.

ווייל אין **תשובות מהרי"ל** שטייט אז **עס איז א 'סעודת מצוה'** - פונקט ווי א סעודה פון א 'ברית מילה' אדער א' פדיון הבן'.

דארף מען פארשטיין וואס איז דער סיבה פון די סעודת מצוה אום ל"ג בעומר?

## "הכל מודים בעצרת בעינן נמי לכם": ווייל דער 'גוף' דאַרף זיך אויך פרייען מיט די נתינת התורה

דער תירוץ איז, בהקדם, מיר ווייסן אז די **גמרא** אין **מסכת פסחים** (דף סח:) זאגט: **"אמר רבי אלעזר, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם"**. יום טוב שבועות האלט יעדער איינער אז **מען דארף עסן**.

ביי יעדן יום טוב איז דא א מחלוקת צווישן **רבי אליעזר** און **רבי יהושע** צי מען דארף "חציו לה' וחציו לכם" אדער "כולו לה'" אדער "כולו לכם", אבער שבועות האלט יעדער איינער אז מען דארף עסן א סעודה.

פרעגט די גמרא: **מאי טעמא?**

ענטפערט די גמרא: **ווייל עס איז**



**דער 'יום שניתנה בו תורה'.**

זאגט **רש"י הק'**: "**שישמח בו במאכל ובמשתה**". מען דארף עסן א סעודה און מען דארף זיך פרייען מיט א סעודה, "**כדי להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שניתנה תורה בו**". איך וויל ווייזן אז עס איז א געשמאק אז אין דעם טאג האט מען געגעבן די תורה.

און ווי די **מפרשים** זענען מסביר דארט, אז א איד האט א **גוף** מיט א **נשמה**. די נשמה פון א איד איז קודש קדשים, וואס פארשטייט זיך מיר האבן נישט קיין השגה דערין, עס איז דאך א "חלק אלוקה ממעל". אבער **אפילו דער גוף פון א הייליג אידיש קינד איז דאך קודש קדשים**. כידוע וואס די **ספרים הקדושים** זאגן, אז **נאך הונדערט און צוואנציג יאר לייגט מען דעם גוף פון א איד אין א טלית און מען באערדיגט אים אין א בית החיים, פונקט ווי א ספר תורה וואס מען באהאלט**. און ווי די גמרא זאגט אין **מסכת שבת** (קה:), אז **דער גוף פון א איד האט א קדושה פון א 'ספר תורה'!**.

אזוי ווי א איד האט א נשמה מיט א גוף, פרייט זיך דער חלק הנשמה אוודאי אין יום מתן תורה שבועות. אבער **מיר ווילן אז אפילו דער גוף, וואס איז עוסק אין ענינים גשמיים, זאל אויך ארויסווייזן אז דער דאזיגער מורא'דיגער טאג איז אים געשמאק, און ער פארשטייט אז נאר די תורה איז "כי הם חיינו ואורך ימינו". דערפאַר מאכט מען א סעודה יו"ט שבועות.**

> **ל"ג בעומר איז א טאג דוגמת יו"ט שבועות און דערפאַר מאכט מען א 'סעודה'**

דאס זעלבע פארשטייט זיך אויך לגבי דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר, וואס אין דעם טאג איז געווען אַן השלמה פון יום מתן תורה. ווייל

**ערשטנס**, אין דעם טאג האט מען געגעבן די טיפע סודות פון נסתר התורה, די אדרא זוטא.

**צווייטנס**, מען האט מתיר געווען צו שרייבן נסתר התורה.

**דריטנס**, אז אין דעם טאג האט רבינו הקדוש זיך געלערנט א קל וחומר אז מען זאל שרייבן תורה שבעל פה, כדי עס זאל נישט נשתכח ווערן די תורה מישראל. ממילא, **אויב עס איז א טאג פון יום מתן תורה, מוז מען עסן א סעודה פונקט ווי שבועות.**

מיר ווילן צוצייכענען, אז אין **שער הכוונות** ברענגט **רבי חיים וויטאל** אַראָפּ, אז ווען זיין הייליגער רבי דער אריז"ל איז ארויפגעגאנגען קיין מירון און דארט געמאכט א חאלאקע, שרייבט ער דעם לשון: "**מנהג שנהגו ישראל ואוכלים ושותים ושמחים שם**". רבי חיים וויטאל ברענגט ארויס אז מען עסט און מען טרינקט דארט. דאס איז **איין נקודה**.

די **צווייטע נקודה** איז, ער ברענגט דארט אַראָפּ אז ווען דער אריז"ל האט געמאכט א חאלאקע האט ער זיך אויך אזוי געפירט, "**ועשה שם יום משתה ושמחה**".

קומט אויס אז מיר זעען אז **דער טאג איז נישט נאָר א טאג וואס מען פרייט זיך און מען צינדט לעכט און א מדורה, נאר עס שטייט קלאר פונעם אריז"ל, און רבי חיים וויטאל זאגט אז עס איז געווען אן אלטער מנהג, צו מאכן א יום משתה ושמחה.**

## שמחה של מצוה

# לימוד עצום מרשב"י בענין 'שמחה של מצוה'

### "חדי רבי שמעון"

בעזהשי"ת, מיר גרייטן זיך צו דעם גרויסן יום טוב ל"ג בעומר, דער הייליגער טאג פון די הילולא דרשב"י.

מיר טרעפן אינעם **זוהר הק'** כסדר די ווערטער "**חדי רבי שמעון**" - רבי שמעון האט זיך געפרייט. מיר טרעפן אז רבי שמעון האט זיך געפרייט מיט א שמחה עצומה ווען ער איז זוכה געווען צו 'השגות אין תורה'. מיר טרעפן אז רבי שמעון האט זיך גאָר שטארק געפרייט ווען ס'איז געווען א התגלות פון 'השראת השכינה'.

נאך טרעפן מיר, אז רבי שמעון האט זיך זייער געפרייט ווען ער האט געזאגט 'חידושי תורה', און די שכינה הקדושה איז געקומען מיט די פמליא של מעלה, מיט די צדיקים און מיט די מלאכים. מיר טרעפן אז רבי שמעון האט זיך געפרייט ווען ער האט געלערנט מיט זיין 'חבריא קדישא', מיט זיינע הייליגע תלמידים.

אין דעם פיוט פון "ואמרתם כה לחי" שטייט: "**ראה פניו מאירים בשבתו עם חברים, עת גלה סוד נסתרים אדונינו בר יוחאי**". זיין פנים האט געלאכטן ווען ער איז געווען מיט די חברים. מיר טרעפן א גאנצע צייט אז **דאס גאנצע לעבן פון רבי שמעון איז געווען דורכגעזאַפּט מיט 'שמחה'**. אזוי ווייט, אז אפילו דער 'יארצייט' פונעם הייליגן רבי שמעון בר יוחאי איז א זמן פון שמחה, און עס ווערט אנגערופן א "הילולא", א "יום שמחה" - ווי דער רשב"י האט מגלה געווען פאַרן אר"י הק' (זעה מער איבער דעם באריכות אין מאמר 'חידושים מספר שער הכוונות').

און אינעם זוהר הק' שטייט אז נישט נאָר דער טאג פונעם יארצייט פון רבי שמעון איז א הילולא, נאָר אויב מען וועט אריינקוקן אינעם זוהר הק' וועט מען זען אז **אין יענעם טאג וואס רבי שמעון איז נסתלק געווארן ווערט שוין אנגערופן 'הילולא'**.

## בת קול יוצאת: "עולו ואתכנשו להילולא דבר יוחאי"

געוואנדליך, אין דער טאג וואס צדיקים זענען אוועק פון דער וועלט געווען א 'יום בכיה', א 'יום הספד', און שפעטער ווען עס קומט צום יום היארצייט ווערט דער טאג אנגערופן א 'יומא דהילולא'. עס זענען דא ביאורים אויף דעם; דער הייליגער **אר"י הק'** זאגט אז ווייל אין דעם טאג גייט דער צדיק ארויף אין א העכערן היכל. (עס זענען דא נאך ביאורים פארוואס עס ווערט אנגערופן א יומא דהילולא, ועוד"ל).

ווידער, **ביי רבי שמעון בר יוחאי טרעפט מען אז דער טאג אליין וואס ער איז אוועק פון דער וועלט ווערט שוין אנגערופן 'יומא דהילולא'!** דער זוהר הק' דערציילט אז עס איז ארויסגעגאנגען א 'בת קול' אין דעם טאג וואס רשב"י איז אוועק, און אויסגערופן:

**"עולו והתכנשו להילולא דבר יוחאי"!**

דארף מען פאַרשטיין: **וואס איז דער ענין פון דער געוואלדיגער שמחה וואס האט זיך דא אפגעטון ביי רבי שמעון בר יוחאי?**

בעצם, כדי דאס צו מסביר זיין, איז עס א בחינה פון "בהדי כבשי דרחמנא", עס איז העכער פון אונזערע השגות. אבער איין זאך זעען מיר: אז **ביי רבי שמעון בר יוחאי איז יעדע זאך וואס ער האט געטון געווען מיט א שטיק 'שמחה'**. צי עס איז געווען השגות אין תורה, צי 'בשבתו עם חבריו', און אפילו אין דער יומא דהילולא - דער טאג וואס ער איז נסתלק געווארן - אלעס איז געווען מיט א שטיק שמחה.

לאמיר זיך דא אָפּשטעלן און זען וואס מיר קענען זיך אַראָפּלערנען פון דעם בנוגע דעם ענין פון שמחה אין עבודת השם.

## דער תנאי אין קיום המצוות: 'שמחה'

דער הייליגער חרדים, וואס איז געווען פון די חברייא פונעם הייליגן אריז"ל, שרייבט אין זיין הקדמה אויף די מצוות (סימן ז') **צוויי גרויסע יסודות**.

דער ערשטער יסוד איז: **"מתנאי קיום המצוה - השמחה הגדולה במצוה"**.

איינע פון די תנאים פון מקיים זיין א מצוה איז צו זיין **בשמחה**. דאס הייסט אזוי: יעדער איינער פון אונז ווייסט אז ווען מען טוט א מצוה דארף מען טון די מצוה '**בפועל**'. מען דארף לייגן תפילין, אָנטון א טלית, דאווענען, צינדן שבת לעכט, פראַווען א סעודת שבת - מען דארף טון די מצוה בפועל.

דערצו זענען דא '**כוונות המצוות**'. ביי מצוות דאורייתא פסק'ענען מיר אלס הלכה פסוקה אז "**מצוות צריכות כוונה**", און אפילו ביי מצוות דרבנן נעמען אָן די פוסקים אז "מצוות צריכות כוונה".

קומט אויס אז יעדע מצוה האט אין זיך א **חלק עשיה** און א **חלק כוונה**. אויב איינער האט געטון א מצוה און ער האט פארפעלט אין די עשיה - למשל, ער לייגט תפילין אבער אנשטאט פיר פרשיות לייגט ער נאָר צוויי, האט ער נישט מקיים געווען די מצוה. די זעלבע זאך איז ווען ער האט געלייענט קרי"ש אָן קיין כוונה מקבל צו זיין עול מלכות שמים, האט ער נישט יוצא געווען די מצוה פון קרי"ש. וכדו' וכדו'.

אין אנדערע ווערטער: יעדע מצוה האט אין זיך א תנאי אינעם קיום המצוה, דאס איז די **צורת המצוה**. זאגט דער הייליגער חרדים: זאלסט וויסן אז **איינע פון די עיקר חלקים פון א מצוה איז דאס צו טון מיט שמחה**.

## "אדם יסודו מעפר"; וויאזוי ווערט מען בשמחה?

פארשטייט זיך אז יעדער איינער גייט פרעגן די פשוט'ע שאלה: אוודאי ווילן מיר אלע טון מצוות מיט שמחה, אבער **וויאזוי ווערט מען בשמחה?**

בפרט אז מיר ווייסן אז "אדם יסודו מעפר". א מענטש קומט פון עפר, און דאס איז זיין **שטערקסטע 'יסוד'**. ווי דער הייליגער **רבי חיים וויטאל** איז מסביר אז '**עצבות**' קומט פון '**יסוד העפר**'. און וויבאלד ביי א מענטש איז דער יסוד העפר דער שטערקסטער יסוד - וואס מיר זעען עס בפועל אז אפילו ווען א מענטש טאַנצט פאר שמחה קען ער נישט בלייבן אין די לופט. מיר זעען עס אויך ביים שלאָפן, א מענטש דארף שלאָפן אסאך, וואס דאס איז א בחינה פון עפר, א בחינה פון א 'מיתה קטנה' ווי עס שטייט אינעם **זוהר** און אינעם **אריז"ל**.

קומט אויס אז דער חלק העפר ביי א מענטש איז זייער שטארק, און די טבע פון א מענטש איז נוטה צו עצבות. אויב אזוי, **וויאזוי קען מען אויפקאכן אין זיך דעם ענין פון שמחה?**

## דער גילוי פון אר"י הק' זוכה צו זיין צו 'השגות רוח הקודש'

איידער מיר וועלן זען די עצה, לאמיר זען דעם **צווייטן יסוד** וואס דער חרדים זאגט. ער ברענגט אזוי:

**"וכן גילה הרב החסיד המקובל מורינו הרב יצחק אשכנזי זצ"ל לאיש סודו"** - דער הייליגער אריז"ל האט מגלה געווען פאר זיין איש סוד, זיין תלמיד דער הייליגער רבי חיים וויטאל - **"שכל מה שהשיג שנפתחו לו שערי חכמה ורוח הקודש"**, זאלסט וויסן דעם סוד פארוואס ער האט זוכה געווען צו די הייליגע חכמה, נסתר התורה, און רוח הקודש.

דאס טייטש, דער אריז"ל האט זוכה געווען צו געוואלדיגע השגות אין נסתרי התורה וואס האבן זיך געעפנט פאר אים, גאר גרויסע השגות אין רוח הקודש. אוודאי איז דאס געקומען ווייל ער האט געהארעוועט אין לערנען און אין יראת שמים, ווי דער אריז"ל אליין האט מעיד געווען צו זיין תלמיד רבי חיים וויטאל אז **אלעס איז געקומען דורך 'יגיעה'**, (כמבואר בס' **שבחי האר"י** פרק ב'), אבער דער אריז"ל האט מגלה געווען אז עס איז געקומען מיט נאך א "באהאלטענעם מפתח", א "באהאלטענער שליסל".

**וואס איז געווען דער באהאלטענער שליסל?**

האט דער אריז"ל געזאגט: **דער "באהאלטענער שליסל" איז געווען 'שמחה' - 'פרייליכקייט'**. די לשון פונעם חרדים איז: **"בשכר שהיה שמח בעשיית כל מצוה שמחה גדולה לאין תכלית"**. ער האט זיך געפרייט ביי יעדע מצוה ממש אָן א שיעור! (דער חרדים איז דארט מאריך אין דעם, און בעזרת השם ביי א צווייטע געלעגנהייט וועלן מיר נאך רעדן דערפון).

פארשטייט זיך אז יעדער איינער וועט יעצט פרעגן: אויב איך זע דא אינעם חרדים;

**א.** אז דער תנאי פון קיום המצוה איז שמחה, **ב.** אז עס איז א מפתח פאַר גרויסע השגות, חכמה און רוח הקודש, **אבער וויאזוי קום איך אָן צו דעם?**

נאכדערצו, לויט ווי מיר האבן שוין מסביר געווען, **א מענטש איז דאך נוטה צו עצבות ווייל ער קומט פון 'עפר'?**

### דער חרדים: מיט יעדער מצוה וואס א איד טוט שיקט ער א מתנה פאר כביכול דער רבוש"ע

עס זענען דא אסאך תירוצים, אבער מיר ווילן יעצט נאכזאגן איין שורה וואס דער חרדים אליין אנטפלעקט דארט.

ער זאגט אזוי: "**וכל מצוה ומצוה שתזדמן לך, דורון הוא דשדר ליה לקודשא בריך הוא**" - יעדע מצוה וואס קומט דיר אונטער און די טוסט דאס, שיקסטו א מתנה פאַרן הייליגן באשעפער.

דער חרדים האט אונז דא געגעבן א מורא'דיגע עצה. יעדער איינער פון אונז וואלט זייער געוואלט האבן א שייכות און א קירבה צו א גדול הדור. יעדער איינער וואלט געוואלט האבן א שייכות און א נאנטקייט צו א גרויסן בעל צדקה. **יעדער וואלט געוואלט זיין נאנט צו איינער וואס איז פון די חשוב'סטע מענטשן אין שטאט אדער פון די חשוב'סטע מענטשן ביי כלל ישראל**; יעדער וואלט געוואלט האבן א שייכות מיט אזא מענטש.

יעדער פארשטייט אז אויב ער וואלט געהאט די מעגליכקייט צו שיקן מתנות פאר דעם צדיק, אדער פאר דעם בעל חסד וואס איז פון די גרעסטע אין כלל ישראל, און יענער וואלט זיך געפרייט מיט זיין מתנה, וואלט ער עס זיכער געשיקט. נאָר יעדער ווייסט אז מען קען נישט סתם אזוי שיקן א מתנה פאר א צדיק, מען קען נישט סתם שיקן מתנות פאר מענטשן; **ווער זאגט אז ער וועט עס מקבל זיין? און ווער זאגט אז מיין מתנה איז בכלל חשוב?**

זאגט אונז דער הייליגער חרדים א מורא'דיגע זאך: דער רבוש"ע איז



דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס מיר אלע ווייסן און זאגן אין "אני מאמין" אז ער איז דער 'מקור החסד', דער 'מקור החכמה', דער 'מקור העשירות' און דער 'מקור הישועות'. **דער אייבערשטער איז דער מקור פון אלעס גוטס אויף דער וועלט**, און דער חרדים זאגט דא יעצט: **דער אייבערשטער ווארט צו באקומען א מתנה פון דיר!**

וואס איז די מתנה?

**ווען דו שיקסט יעצט די מצוה פון ציצית, א דאווענען, א התמדה אין לערנען, א שבירת המדות אדער א שמירת עיניים, שיקסטו יעצט א מתנה פארן אייבערשטן! און דער אייבערשטער ווארט אויף די מתנה!**

א מענטש דארף זיך מצייר זיין ווי דער גרויסע צדיק הדור ווארט אויף די מתנה, ער זאגט פאר זיינע גבאים: "**ווען קומט שוין אָן די מתנה פון דעם יונגערמאן, פון דעם בחור?**" דער גרויסער בעל צדקה זאגט: "**ווען קומט שוין אָן די מתנה וואס יענער האט געזאגט ער גייט מיר שיקן?**" ווען דו ווערסט געוואר אז דער רבי, דער גרויסער גאון, דער בעל חסד אדער דער גרויסער גביר ווארט צו באקומען דיין מתנה, פילסטו זיך אזוי גליקליך, און דו שיקסט די מתנה מיט אזא שמחה. וואס קען זיין א גרעסערע שמחה פון דעם? יענער ווארט דאך אויף מיין מתנה!.

זאגט דער הייליגער חרדים: ביי יעדע מצוה ווארט דער רבוש"ע כביכול און קוקט ארויס צו באקומען דעם טלית, די תפילין, די סעודת שבת, די נרות שבת, דאס דאווענען, די שבירת היצר, כבישת המידות, כובש זיין א כעס, א קפידא אדער א לשון הרע - דער אייבערשטער ווארט דערויף!.

### רשב"י - א לימוד פאר כלל ישראל לדורות

דער ענין פון "שמחה של מצוה" וואס מיר האבן יעצט געזען, איז א יסוד עצום אין עבודת השם וואס דער הייליגער תנא רשב"י איז אונז געקומען לערנען.

דערפאַר, ווען עס קומט יעצט אזא הייליגע טאג ווי ל"ג בעומר, אזא לעכטיגער יו"ט, ווען יעדער איד פריידט זיך מיט'ן הילולא דרשב"י, דאַרפן מיר מיטנעמען דעם '**שליסל און יסוד פארן לעבן**', צו **שטענדיג דינען דעם אייבערשטן מיט א שמחה**, מיט א פרייליכקייט און געשמאק, און **דורך דעם וועלן מיר בעזה"ש צוקומען צו די העכסטע מדריגות און השגות אין תורה און עבודת השם**. און ווען אימער עס קומט אינטער סיי וואספארא מצוה, זאלן מיר טראכטן בשעת'ן דאס טון:

**"דער מלך מלכי המלכים הקב"ה שטייט און ווארט אויף מיין מתנה! ער ווארט אויף מיין מצוה פערזענדליך!"**

גליון פרדס התורה - א קוואל פון חיזוק

$1.00

641760







**פטרון בריח"י התיכון**

לע"נ אשה החשובה והצנועה

**מרת סימא בת ר' ניסן ע"ה**

נלב"ע ה' שבט תשפ"ה אחר שקיבלה
היסורים באהבה בלב מלא שמחה וביטחון
וזכתה לראות דורות ישרים
ת"ח יר"ש נאמנים לה' ולתורתו
בגן עדן תהא מנוחתה ושתהי'
מליצה ישרה לכל משפחתה החשובה
ת נ צ ב " ה

נתנדב ע"י משפחתה החשובה הי"ו

**פטרון בריח"י התיכון**

לע"נ

מוה"ר **שלום חיים** בן ר' **עוזר** ע"ה
מרת **פרחה** בת ר' **אברהם** ע"ה
מרת **מינדל** בת ר' **אברהם** ע"ה

נתנדב ע"י

**משפחת בערקאוויטש**

**פטרון בריח"י התיכון**

זכות זיכוי הרבים, לכבוד

**מורינו הרב שליט"א**

לע"נ הרה"ק רבינו **חיים דוב בער** בן
רבי **שלמה זלמן** זי"ע ועכי"א
ולע"נ רבינו **שלמה** בן רבינו **מרדכי**
**מ'זוויעל** זצ"ל זי"ע ועכי"א

נתנדב ע"י **הרוצה בעילום שמו** הי"ו